STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03719

DER VAYSER TOYT

Freitif Larson

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]. לאַרסען

דער ווייסער טויט

(ראָאַלד אַמונדסען)

פאַרלאַג „גראָשן־ביבליאָטעק"

וואַרשע 1934

PRINTED IN POLAND

AMUNDSEN

Druk. „Pośpiech" Warszawa

דער העלד

„דער נאַפּאָלעאָן פון די ווייסע ענדלאָזע פּאָלאַר־מדבריות", אַזוי איז מען געוואוינט צו רופן דעם אומדערשראָקענעם קעמפער מיט דער אומבאַזיגבאַרער נאַטור־סטיכיע פון די פּאָלאַר־געגנטן, דעם באַרימטן אַנטדעקער פון דרום־פּאָל — ראָאַלד אַמונדסען.

און די דאָזיקע באַצייכענונג איז זער אַנטשפּרעכנד פאַר דעם דאָזיקן אמתן „נאַפּאָלעאָן פון די צפון. און דרום־פּאָלן", פאַר דעם מענטש, וועלכער האָט געפירט די העראָאישסטע, זיגרייכסטע שלאַכטן מיט דער ווילדער סטיכיע פון די שניי־מדבריות אין די פּאָלאַר־געגנטן. זיין גאַנץ לעבן — דאָס איז איין קייט פון זיגרייכע קאַמפן מיט דער נאַטור. מיט אירע פאַרבאָרגענע כוחות. איין סוד נאָכן אַנדערן, איין דערגרייכונג נאָך דער אַנדערער, איין אַנטדעקונג נאָך דער צווייטער האָט ער אַרויסגעריסן ביי דעם ווייסן קעניגרייך פון שניי, פראָסט, ווינטן און... טויט.

דער „ווייסער טויט" האָט כסדר געלויערט אויף אַמונדסענען. ווי אָפטמאָל האָט זיך געדוכט, אַז דער דאָזיקער מענטשלעכער ריז וועט פאַלן אין דער שלאַכט מיטן „ווייסן טויט", אָבער תמיד איז אַמונדסען אַרויס אַלס זיגער, תמיד איז ער צוריקגעקומען פון זיינע עקספּעדיציעס מיט אַ לאָרבער־קראַנץ פון נצחון איבער די געהיימע נאַטור־כוחות.

די וועלט-פּרעסע איז אָפּט פול געוועזן מיט זיין נאָמען, מיט באַשרייבונגען וועגן זיינע זיגרייכע שלאַכטן מיט דער נאַטור. אַמונדסען איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אומבאַזיגבאַרער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער „ווייסער טויט" האָט שוין רעזיגנירט, האָט זיך אונטערגעגעבן דער דאָזיקער מעכטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געהייסן ראָאַלד אַמונדסען.

נאָר אָט האָבן נאָבילע מיט זיינע מענטשן געפירט אַ פאַרצווייפלטע שלאַכט מיט די שרעקלעכע נאַטור-כּוחות אין דער געגנט פון צפון-פּאָל*), זיי האָבן גערופן די וועלט: „ראַטעוועט אונז!". און צווישן די ערשטע, וואָס זענען אַרויס ראַטעווען די פאַרצווייפלטע נאָבילע-עקספּעדיציע, איז געווען ראָאַלד אַמונדסען.

ער איז געגאַנגען ראַטעווען אַנדערע און איז — אומגעקומען, ער איז געגאַנגען העלפן אַנדערע אָפּשלאָגן דעם מעכטיקן אָנגריף פון „ווייסן טויט" און איז אַליין געפאַלן אין דער שלאַכט. און דער דאָזיקער מאַרטירער-טויט שטעלט אים אַוועק אין דער ריי פון די גרעסטע העלדן און מאַרטירער אין דער מענטשלעכער געשיכטע, פון יענע העלדן, וועלכע האָבן זייער רום דערגרייכט נישט מיט דער שווערד אויפן שלאַכט-פעלד, פאַרגיסנדיק דערביי מענטשלעך בלוט, נאָר האָבן אין קאַמף מיט דער נאַטור, מיט איר ווילדער און אומברחמנותדיקער סטיכיע, דעראָבערט פאַר דער מענטשלעכער קולטור נייע דערגרייכונגען, נייע וועגן, נייע אוצרות און זענען געפאַלן אין דער שלאַכט ביים ראַטעווען אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אויך געלאָזט אין די ענדלאָזע שניי-מדבריות באַצווינגען די נאַטור-כּוחות.

---

*) זע גרעשן-ביבליאָטעק נומ. 10 „אין די נעגל פון ווייסן טויט" (די נאָבילע-עקספּעדיציע).

ראָאַלד אַמונדסען געהערט דעריבער צו די שענסטע, איידלסטע און הערראָאישסטע געשטאַלטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און זיין לעבן איז די וואונדערלעכע געשיכטע פון אַן אומדערשראָקענעם קעמפער קעגן דער אומברחמנותדיקער און מעכטיקער נאַטור־סטיכיע פון די שניי־וויסטענישן אין די געגנטן פון צפון־ און דרום־פּאָל.

דער העלד שפּעלט איין דאָס לעבן

אַ שיף שווימט אויף די וואונדערשיינע וואַסערן פון די נאָרוועגישע פיאָרדן. ס׳איז אַ שפּאַציר־שיף. עס שפּילט די מוזיק. דער עולם איז הייטער. די בליקן פון די פּאַסאַזשירן קאָ:ען זיך נישט אָפּרייסן פון דעם מאָלערישן ברעג, וועלכער דערווייטערט זיך ביסלעכווייז.

ביי דער באַריער אויפן דעק פון דער שיף שטייט אָנגעשפּאַרט אַ יונגער בחור פון אַ יאָר פופצן און זיין בליק איז געווענדט ערגעץ ווייט אויפן האָריזאָנט. זיין געזיכט איז אויסגעצויגן, מיט שאַרפע קאָנטורן און ערנסט.

צום ווילפטן מאָל פאָרט ער שוין אויף אַ שיף? ער געדענקט שוין אַליין נישט. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער פאָרן מיט אַ שיף. די לעצטע צייט האָט ער זיך דערצו אַזוי צוגעוואוינט, אַז דאָס שווימען מיט דער שיף איז ביי אים געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. עס לאָקן אים די ווייטע ברעגעס, וואָס זענען איינגעהילט אין ווייסע מילך־נעפּלען, ער קאָן נישט זיצן אין שטוב און לייענען די לאַנגווייליקע לער־ביכער.

די מוטער וויל, אַז ער זאָל ווערן אַ דאָקטאָר און ער וויל רייזן, רייזן אין די ווייסע, נעפּלדיקע געגנטן, דאָרטן ווייט צו די צפונדיקע נאָרוועגישע ברעגעס. אַ דאָקטאָר־

מעדיצין? ניין, ער וועט קיין דאָקטאָר קיינמאָל נישט זיין!

דער ווייסער, בלענדנדיקער שניי־פּייזאַזש דערפרייט תמיד זיין נשמה. ער וואָלט גאַנצע שעהן געקוקט אויף די באַשנייטע בערג און טאָלן.

דער יונגער בחור איז פאַרטראַכט. ער הערט נישט די מוזיק. ער זעט איצט נישט, וואָס אַרום אים קומט פאָר. זיין בליק איז געווענדט צו די ווייטע, אין ווייסן נעפּל איינגעהילטע בערגעס.

און פּלוצלונג ווערט אויף דער שיף אַ געשריי. דער יונגער בחור גיט זיך אַ ריס פון אָרט, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

— וואָס איז געשען? — קוקן זיינע קאַלטע גרויע אויגן אַרום זיך.

— אַ יונג מיידל, וואָס האָט זיך צו שטאַרק אַריבער־געבויגן איבער דער באַריערע, איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין, — הערט ער רעדן אַרום זיך.

ער וואַרפט אַ בליק אין וואַסער. אַרום דער שיף שוימט און ברויזט אַ גרויסע כוואַליע און אַלע ווייל באַווייזט זיך אַ שטיקל פון אַ ווייסן מיידל־קלייד.

מענטשן שרייען, פּרויען ספּאַזמירן, אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו דעם שוימיקן וואַסער, אין וועלכן עס ראַנגלט זיך אַ יונג לעבן מיטן טויט.

דער יונגער בחור וואַרפט אַראָפּ זיין מאַרינאַרקע. איידער עמעצער אָריענטירט זיך, וואָס ער גייט טון, איז שוין דער יונגער בחור אויף דער צווייטער זייט באַריער און ער גיט אַ פליוך אין וואַסער אַריין.

עס דערהערט זיך ווידער אַ שרעקלעכער געשריי. דער עולם מיינט, אַז דאָס איז ווידער עמעצער אַריינגעפאַלן אין

וואַסער אַריין. מ'שרייט: „אַראָפּלאָזן רעטונגס-גאַרטלען! צוויי מענטשן טרינקען זיך!"

אָבער דערווייל טרינקט זיך בלויז איין מענטש — דאָס מיידל אין ווייסן קלייד. דער אַנדערער — דער יונגער בחור מיט דעם אויסגעצויגענעם געזיכט, שווימט אויסגעצייכנט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער גייט אין די קליידער. ער קעמפט מיט די כוואַליעס, וואָס בילדן זיך ביי דער שיף, ער זוכט מיט דער האַנט דאָס מיידל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. אָט שווימט זי ווידער אַרויף און באַוועגט פאַרצווייפלט מיט די הענט. דער יונגער בחור כאַפּט זי אָן פאַר די בלאָנדע האָר און שלעפּט זי צו זיך.

דאָס מיידל כאַפּט אים אָן פאַר אַ האַנט און שלעפּט אים צום אָפּגרונט. אָט וועלן זיי ביידע צוגעדעקט ווערן פון די כוואַליעס! דער רעטער וועט האָבן באַצאָלט מיטן לעבן פאַר זיין דרייסטקייט!

אָבער אויף דעם געזיכט פון דעם יונגן בחור איז נישטאָ דער מינדסטער סימן פון שרעק. ער האַלט דאָס געזיכט געווענדט צו דער שיף, וואַרטנדיק, מ'זאָל אַראָפּלאָזן אַ שטריק-לייטער. ער האַלט דאָס מיידל פעסט פאַר די האָר און באַפרייט זיין האַנט פון אירע. ער לאָזט זיך נישט מיטשלעפּן צום אָפּגרונט.

דאָס מיידל איז שוין מאַכטלאָז. איר קערפּער שווערט אַראָפּ. אָבער דער יונגער בחור האַלט זי פעסט פאַר די האָר.

די מאַטראָסן לאָזן אַראָפּ אַ שטריק-לייטער, לויפן אַראָפּ אונטן און העלפן דעם יונגן בחור אַרויפשטייגן אויף דער לייטער. ער האַלט נאָך אַלץ דאָס מיידל ביי די האָר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט ווידער אַראָפּ צום גרונט.

דאָס מיידל איז געראַטעוועט! זי קומט באַלד צום באַוואוסטזיין. אָבער דעם הויפּט-אינטערעס רופט אַרויס דער אומבאַקאַנטער העלד. ער שטייט אין מיטן דעק. דאָס וואַסער רינט נאָך פון אים, ס'איז אים קאַלט, אָבער ער שטייט און שמייכלט.

— איר זענט אַליין שיר נישט דערטרונקען געוואָרן, — באַמערקט עמעצער.

— יאָ, — ענטפערט דער בחור איין איינציק וואָרט.

עס באַווייזט זיך דער קאַפּיטאַן פון דער שיף און דערלאַנגט דעם יונגן בחור די האַנט.

— איר זענט באַגאַנגען אַ העלדנטאַט, — דריקט אים דער קאַפּיטאַן פעסט די האַנט. — ווער זענט איר? ווי איז אייער נאָמען?

— ראָאַלד אַמונדסען, שילער פון דער אַכטער קלאַס גימנאַזיע אין באָריע, — ענטפערט דער יונגער בחור און ציטערט פאַר קעלט צוליב דער נאַסקייט פון די קליידער.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי דער יונגער בחור האָט געראַטעוועט אַ מענטשלעך לעבן. ער האָט באַקומען דערפאַר אַן אויסצייכענונג און צווישן באַקאַנטע האָט מען אים פון איצט אָן גערופן: „דער העלד".

דער העלד ווערט באַרימט

דער העלד איז געבוירן געוואָרן דעם 12 יוני 1872 אין דעם נאָרוועגישן שטעטל באָריע.

שוין אויף דער שול-באַנק האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די נסיעות צום צפון-פּאָל, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט אין ביכער און צייטונגען. פון אַלע לענ-

דער האָבן זיך געצויגן עקספּעדיציעס צו די צווי געהיימניספולע, נישט אויסגעפאָרשטע, אומדורכדרינגלעכע פונקטן פון דער ערד — צו דעם צפון- און דרום-פּאָל. וואָס איז דאָרטן: ערד, אָדער ים, לעבן דאָרטן ברואים, אָדער נישט? דור-איין דור-אויס האָבן די פּאָלן פון דער ערד געלאָקט די מענטשלעכע פאַנטאַזיע און נישט איין מענטשלעך לעבן איז אומגעקומען אין די שנייאיקע, אייזיקע וויסטענישן פון די ווייטע צפון- און דרום-געגנטן פון דער ערד.

ראָאַלד אַמונדסען האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן יענע ווייטע און געהיימניספולע מקומות, צו וועלכע עס האָבן זיך געצויגן צענדליקער עקספּעדיציעס און זענען געבליבן שטעקן אין אייז, נישט דערגרייכנדיק זייער ציל. אַלע ביכער, וועלכע האָבן געשילדערט די נסיעות אין די שניי-מדבריות, האָט ער געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט זיך באַקענט מיט די קלענסטע פּרטים פון די דאָזיקע רייזעס צום צפון-פּאָל און האָט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער וועט ענדיקן די גימנאַזיע, וועט ער זיך אָנשליסן אָן איינער פון די דאָזיקע עקספּעדיציעס.

אין דער צייט פון די וואַקאַציעס פלעגט ער אָפט רייזן אויף אַ שיף. דאָס פאָרן אויף דער שיף פלעגט אים אַריינברענגען אין אַ דערהויבענעם צושטאַנד. דער ווייטער האָריזאָנט, די ווייסע נעפּלען, וואָס פלעגן איינהילן די ברעגעס, די ענדלאָזע וואַסערן און די שטורעמס, — דאָס אַלץ פלעגט אים דערמאָנען אָן די באַשרייבונגען וועגן די ווייטע און געפערלעכע נסיעות.

ווען אַלע פּאַסאַזשירן פלעגן ווערן אומרואיק, בעת אויפן ים פלעגט אויסברעכן אַ שטורעם, פלעגט אַמונדסען אַרויס אויפן דעק און מיט זיין געוויינלעך רואיק און קאַלט

געזיכט באַטראַכטן די צעבושעוועטע כוואַליעס. דאָס פאָרן מיט אַ שיף איז ביי אים געוואָרן אַ ליידנשאַפט. ווען דער פאָטער האָט אים איינמאָל אויס־ערקזאַם געמאַכט אויף דער געפאַר, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אָפטן פאָרן מיט אַ שיף, וועלנדיק אַזוי אַרום אים אָפּגעוואוינען פון דער דאָזיקער ליידנשאַפט, האָט דער יונגער אַמונדסען געענטפערט:

— די דאָזיקע געפאַר איז טאַקע מיין איינציקע ליידנ־שאַפט.

די עלטערן האָבן פאַר יעדן פרייז געפּרוווט אָפּגע־וואוינען זייער זון פון דער דאָזיקער ליידנשאַפט און באַ־שלאָסן, אַז ער זאָל שטודירן מעדיצין. אָבער דער יונגער אַמונדסען האָט דערקלערט, אַז ער האָט נישט בדעה צו פאַרברענגען זיין לעבן אין די ענגע מעדיצינישע קליניקעס, נאָר ער וויל זיך לאָזן אין דער ברייטער וועלט, כּדי צו באַזוכן פאַרשידענע נישט אויסגעפאָרשטע ערטער און לענ־דער.

— לאָז אָפּ מיט די דאָזיקע פאַנטאַזיעס! — האָט דער פאָטער געענטפערט, — אַ רייזנדער — אויך מיר אַ קאַריערע!

אַ לענגערע צייט האָט אַמונדסען געפירט אַ קאַמף מיט זיינע עלטערן וועגן זיין ווייטערדיקער קאַריערע אין לעבן. זיי האָבן אים אויפגעהערט צו געבן געלט אויף זיי־נע רייזעס, וועלכע ער פלעגט אָפט מאַכן מיט אַ שיף ביי די נאָרוועגישע ברעגעס. אַזוי אַרום האָבן זיי אים געוואָלט צווינגען אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע „פאַנטאַזיעס“ און ברענגען דערצו, אַז ער זאָל זיך נעמען שטודירן מעדיצין.

און נאָך אַ לאַנגן און שווערן קאַמף האָט ער סוף כּל סוף געזיגט. ער איז נישט אַוועק אין די „ענגע קליניקעס“, נאָר איז אַוועק אויף די ענדלאָזע וואַסערן פון די אָקעאַנען

אין יאָר 1897 האָט ראָאַלד אַמונדסען אַדורכגעלייענט אַ ידיעה, אַז דער בעלגישער רייזנדער גערלאַך אָרגאַניזירט אַן עקספּעדיציע צום דרום-פּאָל.

נישט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער ביי אַ פריינט געבאָרגט עטלעכע טויזנט קראָן, געזעגנט זיך מיטן פאָטער (די מוטער האָט שוין דאָן נישט געלעבט) און איז אָפּגעפאָרן קיין בעלגיען. ביים געזעגענען זיך, האָט אים דער פאָטער געזאָגט:

— איך בין זיכער, אַז דער ערשטער דורכפאַל וועט דיר אַרויסשלאָגן דעם ווייטערדיקן חשק צו רייזן.

— אפשר נאָך שטאַרקער מאַכן דעם דאָזיקן חשק, — האָט אַמונדסען געענטפערט מיט אַ שמייכל.

און אַמונדסען איז אַוועק קיין בעלגיען. ער האָט זיך געמאָלדן צום אָרגאַניזאַטאָר פון דער עקספּעדיציע, גערלאַך. גערלאַך האָט באַטראַכט דעם הויכן, שלאַנקן נאָרוועגער מיט דעם טונקעלן געזיכט און שאַרפע געזיכטס-שטריכן און געזאָגט:

— אונדזער עקספּעדיציע, מיין ליבער פריינט, געהערט צו די נישט שטאַרק באַקוועמע נסיעות. צי ווייסט איר, מיט וואָס פאַר אַ שוועריקייט דאָס איז פאַרבונדן? צי ווייסט איר, וואָסערע התחייבותן עס נעמט אויף זיך יעדער אָנטיילנעמער פון אונדזער עקספּעדיציע?

— אַהאַ, איך ווייס זייער גוט, — האָט אַמונדסען געענטפערט מיט אַ זיכערער שטים, — איך בין אַ זון פון דעם אַלטן וויקינגען-שטאַם און שרעק זיך נישט דעריבער פאַר די געפאַרן פון ווינט און שטורעם, פון שניי און פראָסט.

גערלאַכן האָט דער יונגער נאָרוועגער אימפּאָנירט און

ער האָט אים מיטגענומען אין דער ווייטער נסיעה צום דרום-פּאָל.

צוויי יאָר צייט האָט אַמונדסען פאַרבראַכט מיט דער בעלגישער עקספּעדיציע אין די געגנטן פון דרום פּאָל. די עקספּעדיציע האָט צום פּאָל נישט געקאָנט דערגרייכן. שטורעם-ווינטן, שניי-זאַוויערוכעס, ריזיקע בערג באַדעקט מיט דיקע שיכטן אייז און שניי, הונגער און קעלט האָבן געשטערט דער עקספּעדיציע צוצוקומען צו דעם געגאַרטן דרום-פּאָל פון דער ערד.

אָבער פאַר אַמונדסענען איז די דאָזיקע ערשטע עקספּעדיציע אין די ענדלאָזע שניי-מדבריות געווען אַ גלענצנדע שול. ער האָט זיך במשך פון די צוויי יאָר צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויף דער 82-טער דרום-ברייט אין דער אומעטיקער, מיט אייביקן שניי באַדעקטער געגנט פון דער וויקטאָריע-ערד און פאַרפרוירענעם ראָס-ים, — אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט ער זיך גענוי באַקענט מיט דער נאַטור-סטיכיע פון יענער געגנט, ער האָט גענוי שטודירט דעם „שונא", מיט וועלכן ס'איז אים שפּעטער אויסגעקומען צו פירן אַזעלכע פאַרביטערטע שלאַכטן.

צוויי יאָר צייט צווישן שניי, פראָסט, ווינט און אָקעאַן — דאָס איז געווען אַ גלענצנדע שול פאַר דעם צוקונפטיקן פּאָלאַר-רייזנדער. אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך דערציילט אַמונדסען, אַז שוין דאַמאָלס איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז סיי זיין קערפּער, סיי זיין פּסיכישער צושטאַנד קאָנען געבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד דער ווילדער נאַטור-סטיכיע פון דער פּאָל-געגנט.

„אין דער אַנטאַרקטידע (דרום-פּאָל-געגנט), — דערציילט אַמונדסען, — האָב איך דערפילט דעם ערשטן שניי-שטורעם,

וועגן וועלכן אַ מענטש, וואָס האָט נישט באַזוכט יענע געגנט, קאָן נישט האָבן די מינדסטע פאָרשטעלונג. אַ מעכטיקער ווינט הויבט אויף גאַנצע ווענט און בערג מיט שניי און יאָגט זיי פאָרויס מיט אַזאַ קראַפט, אַז ווען די דאָזיקע פון שטורעם־ווינט געיאָגטע שניי־בערג און שניי־זיילן שטויסן זיך אָן אָן אַ מענטש, קאָנען זיי אים פשוט צוורייבן. מען דאַרף צו דער צייט זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן, כדי אויסצומיידן אַ זיכערן טויט.״

און נישט איינמאָל האָט אַמונדסען זיך באַגעגנט מיט אַזאַ שניי־שטורעם, געשטאַנען פנים אל פנים מיט דער טויט־געפאַר און אַרויס גאַנץ.

די גערלאַך־עקספּעדיציע, אין וועלכער ער האָט אָנטיילגענומען, האָט געשטאַרקט אַמונדסענס ווידערשטאַנדסקראַפט און האָט אים אויסגעלערנט ווי אַזוי צו קעמפן מיט דער געפאַר פון „ווייסן טויט״.

צוריקקומענדיק פון דער ווייטער נסיעה, האָט אַמונדסען באַשלאָסן צו מאַכן אַ צווייטע רייזע. ער האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט די צפון־געגנטן, וועלכע ליגן נישט ווייט פון נאָרוועגיען. זיין דורשט צי רייזן, צו באַזוכן די ערטער פון „שניי און אייז״ ווערט נישט איינגעשטילט. שוין אין יאָר 1901, ווען ער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אָפּצורוען פון זיין ערשטער נסיעה, וועלכע ער האָט געמאַכט מיט דער בעלגישער עקספּעדיציע, לאָזט ער זיך אויף אַ רייזע אין עסקימאָסן־לאַנד, אין דער צפון־מזרחדיקער טייל פון גרענלאַנד.

די דאָזיקע רייזע איז אַ מין צוגרייטונג צו אַ צווייטער עפּאָכע־מאַכנדיקער רייזע, וועגן וועלכער עס וועט אונז באַלד אויסקומען צו רעדן.

מאַכנדיק די נסיעה קיין גרענלאַנד, אין דעם לאַנד פון אייביקע שנייען און קעלטן, האָט אַמונדסען געוואָלט אויספאָרשן די געגנט, כדי זיך איבערצוצייגן, אויב ס'איז פאַראַן אַ וועלכער ס'איז וועג דורכן צפון־ים פון אייראָפּע קיין אַמעריקע.

צו קיין געוויסע רעזולטאַטן איז ער אָבער נישט גע־קומען. ס'איז אים דאַן נאָך שווער געווען פעסטצושטעלן, צי מען קאָן דורכן בערינגער ים־דורכגוס צוקומען צו די צפון־ברעגעס פון אַמעריקע.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָט אים נישט געלאָזט צורו און נאָך אַ צווייט פּראָבלעם האָט אים שטאַרק פאַראינטע־רעסירט. ער האָט געוואָלט גענוי פעסטשטעלן דאָס אָרט פון דער מאַגנעטישער ווירקונג פון צפון־פּאָל, אַ זאַך, וועלכע איז נאָך ביז יענער צייט געווען אומבאַקאַנט דער וויסנ־שאַפט. וואו געפינט זיך דער צענטער פון דער מאַגנעטישער ווירקונג פון צפון־פּאָל? אָט די דאָזיקע פראַגע האָט איצט אַמונדסענען נישט צורו געלאָזט. ער האָט באַשלאָסן איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל די דאָזיקע פראַגע צו לעזן.

אין 1901 האָט ער אָפּגעקויפט ביי אַ הערינג־סוחר די קליינע פישער־שיף „גיאָא" און צוזאַמען מיט עטלעכע מאַט־ראָסן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דעם בערינגער ים־דורכגוס.

מיט דער דאָזיקער עקספּעדיציע האָט ער געוואָלט דערגרייכן צוויי זאַכן: ערשטנס, פעסטשטעלן דעם ים־וועג פון אייראָפּע צום צפונדיקן ברעג פון אַמעריקע דורך דעם צפון־אָקעאַן און צווייטנס, פעסטשטעלן דעם צענטער פון דער מאַגנעטישער ווירקונג פון צפון־פּאָל.

דריי און צוואַנציק חדשים האָט אַמונדסען פאַרבראַכט

אין וועג, די קליינע פישער-שיף האט זיך שווער באוועגט דורך די אייז-קריעס און איז שיער נישט צעריבן געווארן צווישן די שרעקלעכע אייז-מחבלים. אָבער אַמונדסענען איז ענדלעך געלונגען ביייצוקומען אַלע מניעות און ער האָט נאָך לאַנגע אָנשטרענגונגען, נאָכן פאַרברענגען דריי און צוואַנציק חדשים צווישן אייז און שניי, דערגרייכט ממש עפּאָכע-מאַכנדיקע רעזולטאַטן, מיט וועלכע די גאַנצע וועלט האָט געקלונגען.

אַמונדסען, דער יונגער, נאָך דאַמאָלס אומבאַקאַנטער רייזנדער איז מיטאַמאָל באַרימט געוואָרן. ער האָט דער ערשטער פעסטגעשטעלט, נאָך לאַנגע און מיפולע אויספאָר-שונגען, דאָס אָרט פון דעם צפונדיקן מאַגנעטישן פּאָל. גלייכצייטיק דערמיט האָט ער אויסגעפונען דעם ים-וועג פון אייראָפּע צו דעם בערינגער ים-דורכגוס און איז דער ערש-טער דורכגעשוואומען דעם צפון-אָקעאַן פון מזרח צו מערב, דורכברעכנדיק אַזוי אַרום דעם וועג צו די צפון-ברעגעס פון אַמעריקע.

פאַר דער וויסנשאַפט איז דאָס געווען אַ גרויסע דער-גרייכונג. אַמונדסען האָט גענוי אויסגעפאָרשט די אַמווייטסטן אין צפון אַרויסגערוקטע ברעגעס פון אַמעריקע און אַנטדעקט דעם ים-וועג פון אייראָפּע קיין אַמעריקע דורכן צפונדיקן אָקעאַן, און דערביי האָט ער אויך פעסטגעשטעלט אַ זאַך, וועלכע איז נאָך פאַר דער וויסנשאַפט נישט געווען קלאָר — דאָס אָרט פון דעם מאַגנעטישן צענטר פון צפון-פּאָל.

נאָרוועגיען איז געווען שטאָלץ מיט איר העלד. דער נאָמען אַמונדסען איז אַ לאַנגע צייט נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון די נאָרוועגישע צייטונגען. ער איז געקרוינט

געוואָרן פאַר אַ „נאַציאָנאַלן העלד", וועלכער האָט געבראַכט כבוד דעם נאָרוועגישן פאָלק.

באַקענענדיק זיך איצט גענוי מיט דער צפונדיקער פּאָלאַר־געגנט, האָט אַמונדסען באַשלאָסן אָנצונעמען אַ ווײַטערן געוואָגטן שריט. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון די רײַזנדע און וויסנשאַפטסלײַט פון פאַרשידענע פעלקער — צו דערגרייכן דעם צפון־פּאָל!

דאָס איז געווען אַ געוואָגטער שריט. צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט צו דעם געהיימניספולן צפון־פּאָל, האָבן געפונען דעם טויט אין די אייביקע שנייען און אייז־וויסטעניישן פון דער פּאָלאַר־געגנט, צענדליקער אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט, נישט דערגרייכנדיק דעם ציל. אפילו פריטיאָף נאַנסען, דער באַרימטער נאָרוועגישער פּאָלאַר־פאָרשער, האָט אויף זיין שיף „פראַם" זיך קוים מיט צרות דערשלאָגן ביז דער 86־טער צפון־ברייט. וויפל קרבנות האָט שוין אײַנגעשלונגען דער סודותפולער, שרעקלעכער און דאָך צוציענדיקער צפון־פּאָל! וויל ער, דער יונגער אַמונדסען, אײַנשטעלן זיין לעבן? יאָ, ער וויל! ער שרעקט זיך נישט פאַר קיין געפאַרן, פאַרקערט, אים לאָקט תמיד די געפאַר, און אַ רײַזע, וועלכע איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום געפאַרן, האָט פאַר אַמונדסענען נישט קיין שום רייץ, קיין שום צוציאונגס־קראַפט.

צענדליקער האָבן נישט דערגרייכט דעם צפון־פּאָל, אָבער ער וועט אים דערגרייכן. ער איז געווען זיכער דערין. ער האָט געפילט אין זיך אַזוויפיל קראַפט און ענערגיע און אַזאַ פעלזנפעסטן ווילן, אַז ער איז געווען איבערצייגט אין זיין נצחון איבער דעם געהיימניספולן „שונא", וואָס לאָזט נישט צו אין זיין ווייס קעניגרייך.

אין קעניגרייך פון ווייסן טויט

אמונדסען האט זיך גענומען ענערגיש פארווירקלעכן זיין פלאן. קודם כל איז נויטיק געווען געלט. ער אליין איז, פארשטייט זיך, נישט אימשטאנד געווען צו פינאנסירן אזא ריזיקע אונטערנעמונג, ווי א רייזע צום צפון־פאל. דאס איז דאך פארבונדן מיט ריזיקע אויסגאבן. וואו זשע נעמט מען געלט?

אמונדסען האט זיך געווענדעט צו זיינע פריינט און פארערער. זיי האבן אים נישט אפגעזאגט, אבער זיי האבן אים אפגערעדט צו מאכן א נסיעה, וועלכע איז פון פאריס פארמשפט אויף א דורכפאל. די פריינט האבן אים געגעבן צענדליקער ביישפילן פון דער געשיכטע, אויפווייזנדיק, אז די געוואגטסטע פאלאר־פארשער, די בעסטע עקספעדיציעס האבן דעם פאל נישט דערגרייכט: אדער די מענטשן זענען אומגעקומען אין אייז און שניי, אדער זיך אומגעקערט מיט ליידיקע הענט.

— אט איז אנדרע ארויסגעפלויגן אויף א לופט־באלאן, — האבן די פריינט געגעבן נאך א ביישפיל, — די גאנצע וועלט איז געווען זיכער, אז ער וועט דעם צפון־פאל דערגרייכן. עס קאן זיין, אז ער האט דעם פאל דערגרייכט, אבער קיין לעבעדיקער איז ער שוין פון דארטן נישט צוריקגעקומען. לעבט ער אפשר? ווער ווייסט? דער צפון־פאל איז אומבאזיגבאר — צוואס פטרן געלט, מי און דאס אייגענע לעבן?

אבער אמונדסען האט זיך נישט געלאזט איבעררעדן. ער האט דערקלערט, אז ער וועט צופאסן צו זיך אזעלכע מענטשן, ווי ער, מיט אזא אייזן שטארקער נאטור, ווי ער

און ווי וועלן גיין דעראָבערן דעם צפֿון־פּאָל. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן, האָט ער דערציילט, אַ פּלאַן, וועלכער וועט זיכער געבן גוטע רעזולטאַטן.

אַמונדסענס זיכערקייט, דרייסטקייט און גענוי אויסגעאַרבעטער פּלאַן פֿון דער עקספּעדיציע האָט אַלעמען אימפּאָנירט. מ'האָט אָנגעהויבן צו פֿינאַנסירן די עקספּעדיציע. אָבער ס'איז נאָך אַלץ געווען ווייניק געלט. אַמונדסען האָט געמוזט באָרגן אַ גרויסע סומע געלט אין אַ באַנק. ער האָט אויך אַרײַנגעלייגט אין דער עקספּעדיציע זיינע לעצטע געלטער, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט. כּדי די עקספּעדיציע זאָל דערגרייכן די געוואונטשענע רעזולטאַטן, האָט מען נישט געטאָרט קאַרגן. מ'האָט געמוזט איינקויפֿן עסנוואַרג מינדסטנס אויף אַ האַלב יאָר צייט, מ'האָט געמוזט אָפּדינגען אַ שיף, איינקויפֿן פֿאַרשידענע מכשירים, מלבושים א. ד. גל.

די אויסגאַבן זענען געווען זייער גרויסע. אַמונדסען האָט געמוזט אַרומלויפֿן צו באַקאַנטע, אַז זיי זאָלן אים באָרגן נאָך געלט. אָט איז שוין אַלץ געווען פֿאַרטיק, אָבער אין מיטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זענען נויטיק נאָך עטלעכע טויזנט קראָן. די פֿריינט האָבן געבאָרגט, די בענק האָבן אויך געגעבן געלט. אַמונדסען האָט זיך פֿאַרחובֿט ביז איבערן קאָפּ.

אָבער אַמונדסען איז געווען גליקלעך און שטאָלץ, ווען ער האָט געזען נאַנסענס שיף „פֿראַם", וועלכע איז געשטעלט געוואָרן אין זיין רשות, שטיין אין פּאָרט גרייט אָפּצופֿאָרן אין די שנייאיקע מדבריות. אויף דערזעלבער שיף איז נאַנסען אין 1896 געפֿאָרן צום צפֿון־פּאָל און אים נישט דערגרייכט, אָבער אַמונדסען איז געווען זיכער, אַז איצט וועט דער „פֿראַם" האָבן מער מזל.

אויף דער שיף איז געווען היימלעך. די מאַטראָסן האָבן געזונגען, ביים פּאָרט זענען געווען פאַרזאַמלט טויזנ־טער מענטשן און האָבן מיט ווייסע טיכלעך און הילכיקע אויסגעשרייען געזעגנט די אָפּפאָרנדיקע. אַמונדסען איז גע־שטאַנען אויפן בריקל נעבן קאַפּיטאַן און האָט געשמייכלט קיין שום געפיל פון בענקשאַפט האָט אים נישט באַהערשט אין דער דאָזיקער מינוט פון אָפּפאָר, קיין שום טרויעריקער געדאַנק איז אים נישט אַדורכגעלאָפן איבערן קאָפּ. ער איז געווען מונטער, פריילעך און האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס אים איז געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן.

געניג מי האָט אים געקאָסט דאָס פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּלאַן, געניג אומאָנגענעמלעכקייטן איז ער אויסגע־שטאַנען ביים פינאַנסירן די דאָזיקע עקספּעדיציע. ער האָט זיך פּשוט רואינירט אינגאַנצן. ער האָט פאַרקויפט זיין מעבל, זייערע אַנטיקן, וועלכע ער האָט געירשנט פון זיינע על־טערן, כדי צו דעקן די קאָסטן פון דער עקספּעדיציע. ער האָט זיך אָנגעבאָרגט זייער אַ סך געלט, חוץ דעם, וואָס פריינט און פאַרערער האָבן סובסידירט זיין אונטערנעמונג. אַלץ האָט געמוזט קלאַפּן, ס'האָבן נישט געטאָרט זיין קיין בלויזן אין דער דאָזיקער עקספּעדיציע, עס האָט נישט גע־טאָרט פעלן די מינדסטע קלייניקייט. אָבער איצט איז ער גליקלעך, איצט קלאַפּט זיין האַרץ מיט אַזויפיל פרייד, אַז עס פאַרפעלט אים פּשוט אָטעם. ער שטייט אויפן קאַפּי־טאַן־בריקל. דער קאַפּיטאַן ווייזט אָן אַמונדסענען אויפן ברעג, וואָס דערווייטערט זיך פּאַמעלעך און זאָגט:

— ווי מיינט איר, ליבער אַמונדסען, אין זעקס חדשים אַרום וועלן מיר צוריק זען דעם דאָזיקן היימישן ברעג?

— לאָזט אָפּ מיט די דאָזיקע סענטימענטן, קאַפּיטאַן!—

גיט אַמונדסען אַ מאַך מיט דער האַנט, — מיר גייען אין אַ שלאַכט, קאַפּיטאַן, דעריבער מוזן מיר זיין מונטער און פאַרהאַרטעוועט. מיר זענען כאַלדאַטן פונם לאַנד, וואָס הייסט „וויסנשאַפט", —שמייכלט אַמונדסען אַ צופרידענער. - פאַרגעסט נישט, אַז מיר דאַרפן צוריקקומען מיט גרויסע טראָפייען, ווי אַמאָליקע קעניגן פון דער מלחמה.

די שיף איז געשוואומען צו שפּיצבערגען. אויפן וועג האָט זיך דער „פראַם" אָפּגעשטעלט אין עטלעכע פּאָרטן, כּדי אָנצונעמען אַ גרעסערן זאַפּאַס קוילן.

אין איינעם פון די דאָזיקע פּאָרטן האָט אַמונדסען געקויפט אַ צייטונג. ס'איז דאַן געווען דער חודש יוני 1910. אַמונדסען עפנט די צייטונג און לייענט אויף דער ערשטער זייט אַ קעפּל, אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות:

„דער אַמעריקאַנער פּאָלאַר-פאָרשער ראָבערט פּירי האָט דערגרייכט דעם צפון-פּאָל. גרויס ענטוזיאַזם אין גאַנץ אַמעריקע".

אַ ווייל איז אַמונדסען געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגלי-ווערטער, אַרויסלאָזנדיק די צייטונג פון דער האַנט. ער האָט נאָכאַמאָל אַ כאַפּ געטון די צייטונג, ווי ער וואָלט געצווייפלט דערין, וואָס זיינע אייגענע אויגן האָבן אַדורכגעלייענט.

ער לייענט נאָכאַמאָל אַדורך די ידיעה. עס שטימט — ראָבערט פּירי, דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָלאַר-פאָרשער איז צוגעקומען צום צפון-פּאָל. די צייטונג שרייבט וועגן דעם גענוי.

וואָס איז דאָ איצט צו טון? צי גייט דען אַמונדסען אין אַנטדעקן נאָר דעם צפון-פּאָל, צי האָט ער אַספּיראַציעס צו זיין דער ערשטער און איינציקער אַנטדעקער? אים גייט קודם כּל אין לייסטן פאַר דער וויסנשאַפט. אויף

פירי האָט אַנטדעקט דעם צפון-פּאָל—איז דאָך שוין איצט איבעריק די נסיעה, די גאַנצע עקספּעדיציע, אין וועלכער עס זענען אריינגעלייגט געוואָרן אַזויפיל טויזנטער קראַנען. זאָל די דאָזיקע מי זיין אומזיסט? זאָל די גאַנצע ענערגיע געפּטרט ווערן אויף גאָרנישט?

ניין, אַמונדסען קאָן נישט צולאָזן דעם דאָזיקן געדאַנק. אָבער וואָס-זשע טוט מען פּאָרט?

און עס בליצט אויף ביי אַמונדסענען אין קאָפּ אַ געדאַנק: דער דרום פּאָל פון דער ערד איז דאָך נאָך נישט אַנטדעקט, ס'האָט דאָך נאָך קיין מענטשלעכער פוס נישט געטרעטן אויף דעם דרומדיקן פּאָל. די ריזיקע צוגרייטונגען, וואָס אַמונדסען האָט געמאַכט, טאָרן נישט גיין לאיבוד. ניין, ער וועט נישט צוריקפאָרן אַהיים. וואָס וועלן זאָגן די באַקאַנטע און פריינט? מ'וועט אים אויסלאַכן, מ'וועט צוריק מאָנען ביי אים די חובות, וועלכע ער איז איצט נישט אימשטאַנד אָפּצוגעבן.

אָבער דאָס זענען אַלץ קליינקייטן. דער עיקר איז אים אוממעגלעך צו שטילן דעם דורשט פון פאָרשן די ווייטע פּאָלאַר-געגנטן. ער וועט נישט קאָנען רואיק איינזיצן אין לאַנד. אין די ברייטע, ענדלאָזע אייז- און שניי-מדבריות אָטעמט זיך דאָך אים אַזוי לייכט, פילט ער זיך דאָך, ווי אַן אָדלער אין די הויכע בערג.

— הער קאַפּיטאַן, — זאָגט אַמונדסען צום קאַפּיטאַן פון דער שיף,—מיר פאָרן נישט צום צפון-פּאָל, מיר וועלן פאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג, אין אַ פּ ו נ ק ט - פ אַ ר ק ע ר ט ע ר ריכטונג.

— כ'פאַרשטיי אייך נישט, פרייגט אַמונדסען, — הויבט

דער קאַפּיטאַן מיט די אַקסלען, — איר ווילט פאָרן צוריק קיין נאָרוועגיען?

— אָ, ניין, — שמייכלט אַמונדסען, — מיר וועלן טאַקע צוריקפאָרן, אָבער אַ סך ווייטער, ווי נאָרוועגיען, ווייט אַראָפּ צו דרום־צו... נאָט, לייענט, הער קאַפּיטאַן, — דערלאַנגט אים אַמונדסען די צייטונג.

— נו, איצט פאַרשטיי איך שוין, — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט, — אויב אַזוי, איז דאָך אונזער פאָרן אומזיסט. מיר פאָרן, הייסט עס, צוריק קיין נאָרוועגיען?

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז מיר פאָרן נ י ש ט קיין נאָרוועגיען, מיר פאָרן צום דרום־פּאָל, הער קאַפּיטאַן!

— וואָס רעדט איר, אַזש אַהין! מיר וועלן דאָך איצט מוזן דורכשניידן אין דער לענג דעם גאַנצן אַטלאַנטישן אָקעאַן. בלויז די נסיעה צו דער פייערדיקער ערד (דער סאַמע ווייטסטער פונקט פון דרום־אַמעריקע) וועט דאָך געדויערן פיר וואָכן.

— הער קאַפּיטאַן, איך האָב פעסט באַשלאָסן — מיר פאָרן צום דרום־פּאָל! — רופט אויס אַמונדסען, זייענדיק, אַז זיין מיטרייזנדער גלוסט זיך נישט דורכצומאַכן אַזאַ ריזיקן וועג.

אַלע מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע נעמען לכתחילה אויף די ידיעה וועגן דעם געענדערטן מאַרשרוט מיט אומצופרידנקייט. עס איז אַ גרויסער אונטערשיד זיך צו לאָזן פון די נאָרוועגישע ברעגעס צום צפון־פּאָל, איידער צום דרום־פּאָל. אָבער באַלד שטעקן זיי זיך אָן פון אַמונדסענס מוטערקייט און פעסטער ווילנס־קראַפט.

— מיינע ליבע חברים מיטפאָרער, — האַלט אַמונד־

סען אַ קורצע רעדע פֿאַר זיינע חברים, — אין דער ערש־טער רגע האָט מיך די ידיעה וועגן פּיריס אַנטדעקונג פֿון צפֿון־פּאָל אַ ביסל געטראָפֿן. ס׳האָט מיר ווײ געטון דער פֿאַקט, וואָס מיינע און אײַערע אָנשטרענגונגען וועלן מוזן גיין לאיבוד. אָבער מיטן מאָמענט, ווען בײַ מיר האָט אויפֿ־געבליצט דער געדאַנק וועגן דרום־פּאָל, בין איך צוריק גע־וואָרן מונטער. דאָס באַדייט, אַז אונזער ענערגיע וועט נאָך ווערן אויסגענוצט לטובת דער וויסנשאַפֿט. די געגנט פֿון דרום־פּאָל איז ווייניקער געוואָרן אויסגעפֿאָרשט, ווי דער צפֿון־פּאָל, דעריבער וועט אונזער אויפֿגאַבע זיין זייער אַ שווערע, אָבער דאָס פֿרייט מיך נאָך מער. איך קען די דאָרטיקע געגנט, איך בין שוין צוויי יאָר צייט געווען צווישן די אייז־בערג פֿון ראָס־ים, נישט געקוקט אָבער דערויף, איז יענער שטח, נאָך דער 88־טער דרום־ברייט, נאָך אַלץ איינגעהילט אין סודות. פֿאַר אונז שטייען איצט גרויסע אויפֿגאַבן, מיינע פֿריינט, לאָמיר דעריבער נישט פֿאַרלירן דעם מוט!

די מיטפֿאָרער האָבן געגלויבט אין זיין קראַפֿט און האָבן זיך אים אָנפֿאַרטרויט. אויך זיי האָבן פֿאַרמאָגט גענוג מוט און דרייסטקייט און זענען דעריבער אָן שום באַוואָ־רענישן גרייט געווען מיטצומאַכן מיט אים די ווייטע און געפֿערלעכע נסיעה.

ווי באַוואוסט, איז דער זומער אויף דער דרום־טייל פֿון דער ערד — אין די חדשים פֿון סעפּטעמבער ביז פֿעב־רואַר. דער „פֿראַם" האָט דעריבער געמוזט איבערוואַרטן אַ גאַנצן ווינטער אין פֿראַוהיים, וואו אַמונדסען האָט צוגע־גרייט אַלע נויטיקע זאַכן און ערשט אין סוף אויגוסט, ווען עס הויבט זיך אָן דער „זומער" אין די דרומדיקע פּאָלאַר־

געגנטן, האָט זיך אַמונדסען געלאָזט אין וועג אַריין. עס זאָגט זיך נאָר בלויז אַזוי — זומער. אַפילו אין זומערצייט הערשן אין דער דרומדיקער פּאָלאַר־געגנט ביז 30 גראַד אונטערן נול. אָבער אַמונדסען איז דערצו געווען צוגע־וואוינט. ער האָט שוין גוט געקענט די דאָזיקע געגנט. פאַר אים איז איצט געשטאַנען נאָר איין אויפגאַבע: זיך לאָזן מיט זיינע מענטשן צום דרום־פּאָל! די שטאַרקע פרעסט, די שטורעמווינטן און שניי־זאַוויערוכעס האָבן אים שוין נישט געשראָקן.

מיט דעם „פראַם“ האָט מען, פאַרשטייט זיך, ווייט נישט געקאָנט פאָרן. ריזיקע אייז־ווענט האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. אַמונדסען האָט דעריבער איבערגעלאָזט אַ טייל מענטשן אויף דער שיף, ווי אויך עסנוואַרג און מכשירים. בלויז ער צוזאַמען מיט נאָך פינף מענטשן האָבן זיך געלאָזט אויף שליטנס און נאַרטעס צו דעם געהיימניספולן דרום־פּאָל.

אויף פיר שליטנס האָט מען אַרויפגעלייגט אַלע נוי־טיקע מכשירים אויסצופאָרשן די פּאָל־געגנט, ווי אויך וואַ־רעמע קליידער, אַ סך קאָנסערוון, ברען־ספּירט, ביקסן און קוילן. די פיר שליטנס זענען געווען אַזוי אָנגעלאַדעוועט, אַז זיי האָבן געמוזט געשלעפּט ווערן פון 52 הינט.

די, וואָס זענען איבערגעבליבן אויפן „פראַם“, האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט די זעקס אומדערשראָקענע העלדן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אין אַ געפערלעכן מאַרש צו דער־גרייכן דעם ביז איצט אומבאַזיגבאַרן דרום־פּאָל.

— צום גליקלעכן ווידערזען, חברים! — האָט אַמונד־סען זיך געזעגנט מיט זיינע פריינט, וואָס זענען געבליבן אויף דער שיף. — מיר גייען שטורמען דעם דרום־פּאָל!

די לאַנגע קייט פון הינט האָט גענומען שלעפּן די

שווער-באַלאַדענע שליטנס און געבן די שליטנס זענען אַג-גאַנגען, טרעטנדיק אויפן האַרטן שניי, זעקס העלדן מיט אַמונדסענען בראש. אָנגעטון אין דיקע פעלצן און טיפע פוטערנע היטלען, האָבן זיי פונדערווייטנס אויסגעזען, ווי לעגענדאַרע ריטער, וועלכע זענען אַרויס אין אַ שלאַכט מיטן שונא.

די זעקס ריטער פון דער וויסנשאַפט זענען איצט גע-גאַנגען באַזיגן דעם „שונא", וואָס האָט געהיטן דעם וועג צו דעם געהיימניספולן דרום-פאָל.

און זיי זענען געגאַנגען פריילעכע, מונטערע, זינגענ-דיק אַן אַלט נאָרוועגיש ליד וועגן דער העלדישקייט פון דעם וויקינגען-שטאַם.

— וואָס זאָגט דער טערמאָמעטער? — האָט געפרעגט אַמונדסען, פילנדיק, ווי ס'איז שווער צו כאַפּן דעם אָטעם.

— זעכציק גראַד פראָסט! — האָט געענטפערט מיט אַן ערנסטער שטים דער מעטעאָראָלאָג לאַרסען — ס'האָט נישט קיין זין צו גיין אין אַזאַ פראָסט. מיר וועלן צו-וואַרטן ביז ס'וועט ווערן אַביסל וואַרעמער, ביז דער זומער וועט זיך ברייט צעלייגן אויף די דאָזיקע שניי- און אייז-פעלדער.

אַמונדסען האָט מסכים געווען. ביי זעכציק גראַד פראָסט וואָלטן אויך די הינט אומגעקומען. אַמונדסען האָט דעריבער דערקלערט:

— מיר וועלן צוריקגיין אויף דער שיף; איך גלויב, אַז די דאָזיקע טעמפּעראַטור וועט נישט לאַנג אָנהאַלטן.

און די זעקס מענטשן האָבן גענומען צוריקטרייבן די הינט אין דער ריכטונג צו דער שיף. מ'האָט געמוזט לויפן. ער פראָסט האָט פשוט געבריט די אָפענע טיילן פון פנים.

דער אָטעם איז געווען שווער. די פּערע, וואָס די מענטשן און די הינט האָבן אַרויסגעלאָזט פון די נאָזלעכער, איז תיכף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שניי!

— וואָס איז געשען? — האָבן די איבערגעבליבענע אויף דער שיף זיך געוואונדערט, זעענדיק צוריקגיין די זעקס ריטער פון דער פּאָל-געגנט.

— מיר וועלן מוזן צוּוואַרטן, — האָט אַמונדסען געענטפערט, — דער פרילינג אין דעם דאָזיקן לאַנד איז נאָך זייער שאַרף. באַלד וועט אָנקומען דער חודש אָקטאָבער, דער היגער זומער, און דאַן וועט מען זיך קאָנען לאָזן אין וועג אַריין. מיר וואָלטן נאָך, אפשר, אויסגעהאַלטן, אָבער די הינט וועלן זיכער פּאַלן.

אַלץ איז צוריק אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער שיף און אַמונדסען האָט מיט אומגעדולד גענומען וואַרטן אויפן מאָמענט, ווען ער וועט שוין קאָנען זיך לאָזן אין וועג אַריין.

פאַר די אויגן פון די דרייסטע פּאָלאַר-פאָרשער האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ווייסע, בלענדנדיק ווייסע אומענדלעכקייט, וואָס האָט אַזש געשניטן דאָס אויג. ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן, האָט מען געזען שניי און שניי. קיין שום טונקעלן פּונקט, קיין שום בערגל, קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש, קיין שום געוויקס. נאָר אַ בלענדנדיקע, אומענדלעכע ווייסקייט.

— ווי שיין, אָבער גלייכצייטיק ווי גרויליק און אומהיימלעך דאָ זעט אויס! — האָט באַמערקט דער מאַטראָס דיטריכסען.

— דאָ איז נאָך אַלץ גלייך, דאָס אייז איז נישט געפּאַלדעוועט, אָבער ווייטער הויבן זיך אויף ריזיקע בערג, —

האָט אַמונדסען דערקלערט,—אייז־ריזן סטאַרטשען אַרויס פון ים, מוראַדיקע שפּאַלטן־אָפּגרונטן עפענען זיך אַלע וויילפּאַרן רייזנדן. דאָ איז נאָך גענוג הימלען, מיין פריינט, אָבער ווייטער כאַפּט אַרום דעם מענטש אַ שוידער, ווען ער קוקט זיך צו צו דער מוראַדיקער נאַטור־סטיכיע.

די מאַטראָסן האָבן מיט אַן אינערלעכן ציטער זיך צוגעהערט צו אַמונדסענס רייד. זיי זענען שוין געווען אויף די געפערלעכסטע ים־רייזעס, זיי האָבן שוין איבערגעלעבט די מוראַדיקסטע שטורעמס אויפן ים, אָבער זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ אומהיימלעך ציטערן אויפן לייב ביים אָנבליק פון דעם דאָזיקן ענדלאָזן שנייפייזאוש.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דער טערמאָמעטער שוין געוויזן נישט מער ווי 30 גראַד פראָסט. דאָס איז אַ סימן, אַז דער „זומער” אין יענע וויסטענישן האָט זיך שוין אָנגעהויבן און מ׳קאָן זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין.

די איינגעשפּאַנטע הינט האָבן גענומען לויפן און די זעקס מענטשן האָבן זיך געלאָזט גיין מיט שנעלע טריט. אויך דאָסמאָל זענען אַלע זעקס געווען מונטער. מ׳האָט זיך געווינטשן, דערציילט זיך אַנעקדאָטן און מ׳איז געגאַנגען אַנטקעגן דעם אומבאַקאַנטן, דעם געהיימניספולן, דעם נישט־אויסגעפאָרשטן דרום־פּאָל.

עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג. די מענטשן זענען געשלאָפן אין אויפגעשטעלטע געצעלטן, אַריינרוקנדיק זיך אין פוטערנע זעק. מ׳האָט צלץ מער גאָרנישט געזען, ווי דעם ענדלאָזן ים פון ווייטקייט, וואָס האָט געבלענדט די אויגן.

— מיר געפינען זיך אויף דער 85־טער דרום־ברייט־

האָט אַמונדסען געמאָלדן, מאַכנדיק די געהעריקע אויסמעס־טונגען.

ערשט דאָ האָט די געגנט אָנגענומען אַן אַנדערן כאַ־ראַקטער. ס'איז שוין מער נישט געווען דער ענדלאָזער, גלייכער שניי־מדבר. פאַר די אויגן פון די צושויער האָבן זיך אויפגעהויבן אייז־ריזן, פאַרשידנפאַרמיקע אייז־בערג, וועלכע האָבן אַלע וויילע זיך אָנגעשטויסן איינע אָן אַנדערן, אָפּהילכנדיק דערביי מיט מוראדיקן קנאַק. דאָ און דאָרט האָבן זיך געעפנט שפּאַלטן, אין וועלכע עס האָט געשטראָמט וואַסער. טייל שפּאַלטן זענען געווען באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט שניי, ערשט אַן אייז־קריע, וואָס האָט זיך אָפּגערוקט, האָט צעריסן דעם שניי־שיכט און ברייטער געמאַכט דעם שפּאַלט.

ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט דערגרייכן, האָט מען געזען אַ מחנה אייז־קאָלאָסן מיט שניי־היטלען אויף די שפּיצן און שניי־קליידער אויף די שפּועים. די דאָזיקע אייז־מחבלים זענען געשטאַנען, אָדער זיך באַוועגט, ווי פאַנטאַסטישע ריזן און ס'האָט זיך געדוכט, ווי זיי זאָגן:

— ביז אַהער קאָנסטו גיין, מענטש, אָבער ווייטער נישט! מיר היטן דעם וועג צו דעם געהיימען קעניגרייך פון דרום־פּאָל און ווסטו זיך איינעקשנען, מענטש, און ווייטער גיין, דאַן וועלן מיר דיך צערייבן מיט אונזערע מעכטיקע בייכער און דיין קבר וועט זיין דער אייביקער שניי.

— אַהאַ, נישקשהדיקע פעסטונגען וועלן מיר דאַרפן שטורמען! — האָט זיך אָנגערופן דער אַמעריקאַנער אָנטייל־נעמער אין אַמונדסענס עקספּעדיציע, עלסוואָרט. — וואָס פאַר אַ מעכטיקע שומרים פון דעם דרום־פּאָל עס שטייען דאָ!

— מיר וועלן זיי בייקומען! — האָט געענטפערט אַמונדסען און געגעבן אַ באַפעל ווייטער צו גיין.

— וואו געפינען מיר זיך? — האָט געפרעגט לאַרסען.

— מיר טרעטן באַלד אַרויף אויף ערד. מיר געפינען זיך נישט ווייט פון דער גרויסער קייט בערג, וואָס הייבן זיך איצט אָן צו ציען אויף אַ שטח פון הונדערטער קילאָמעטער. אונזער אויפגאַבע וועט טאַקע באַשטיין דערין אויסצומעסטן די לענג פון דעם דאָזיקן שטח.

— אָבער ווי אַזוי וועלן מיר אַריבערגיין דעם דאָזיקן אמתן וואַלד פון אייז-קאָלאָסן? — האָט געפרעגט עלס-וואָרט, — איך האָב דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע אייז-מחבלים ציען זיך אויף טויזנטער קילאָמעטער.

— נו, דאָס איז איבערגעטריבן! — האָט אַמונדסען געענטפערט מיט אַ שמייכל, — אָבער, אַז די דאָזיקע אייז-בערג איז נישט אַזוי לייכט אַריבערצוקלעטערן, איז ריכטיק. נאָר נישט געזאָרגט, חברים, מיר וועלן די דאָזיקע פעסטונג פון אייז-בערג אויך איינגעמען. נו, צו דער אַרבעט, מיינע פריינט!

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייפלטער, פאַרביטערטער קאַמף צווישן מענטש און דער נאַטור-סטיכיע. מיט אַן איבערמענטשלעכער עקשנות האָט זיך אַמונדסען געלאָזט קלעטערן איבער די גליטשיקע, אימהדיקע אייז-ריזן און אייז-גלעטשערס און די פינף געטרייע מיטהעלפערס זיינע — נאָך אים.

אַ ווילדער, וואָיענדיקער שניי-שטורעם האָט זיי געפּאַטשט אין פּנים אַריין, שטיקער אייז האָבן זיך געקרישלט און אַראָפּגעוואָרפן די דרייסטע, אומדערשראָקענע העלדן, מוראדיקע אָפּגרונטן האָבן זיך געעפנט אונטער זייערע פיס,

דער שטורעם־ווינט האָט געריסן זייערע קליידער מיט אַזאַ רציחה, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט לאָזן נאַקעט אין דער דרייסיק־גראַדיקער קעלט. אַלע ווײַלע האָבן געקראַכט און געדונערט די געפּלאַצטע אײַז־ריזן, ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די נאַטור האָט צונויפגענומען איר גאַנצן חיל, כּדי צו ברעכן די עקשנות פֿון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן אויף די ריזיקע אײַז־קלאָסן אויסגעזען, ווי מילבן, ווי זעקס פֿאַרבלאָנדזשעטע מוראַשקעס.

אָבער די זעקס מענטשן האָבן פֿאַרביסן די ציין און געקלעטערט פֿון איין אײַז־באַרג אויפֿן אַנדערן, אַריבער־שפּרינגענדיק מיט דער גרעסטער סכּנה די געפּערלעכסטע שפּאַלטן און, אויסהאַלטנדיק דעם וואָיענדיקן שניי־שטורעם, וועלכער האָט געריסן און געשליידערט די זעקס מענטשן אין אַלע זײַטן. זיי האָבן זיך געמוזט אָנבינדן מיט שטריק איינער אָן אַנדערן, כּדי נישט פֿאַרלירן צו גיין אין דעם שניי־מבול. זיי האָבן געמוזט אויפֿרײַסן אַ סך בערג מיט דינאַמיט, כּדי צו קאָנען ווייטער קלעטערן. זיי האָבן געמוזט האַקן אין די בײַכער פֿון די בערג מיט העק און שפּיציקע אײַזנס, כּדי דורכצומאַכן זיך אַ וועג.

זיי האָבן זיך געפֿונען אין מיטן פֿון ווײַסן גיהינום. פֿון אַלע זײַטן זענען זיי געווען אַרומגערינגלט פֿון די מעכ־טיקע אײַז־ריזן, וועלכע האָבן זיך געצויגן אויף לאַנגע קילאָ־מעטערס. אַמונדסען האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, ווי די אײַז־בערג האָבן אַרײַנגענאָרט די זעקס מענטשן אין סאַמע מיטן פֿון זייער קעניגרײַך און ווילן זיי דאָ צעשמעטערן אויף פּיצלעך.

דער שטורעם איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. דער ווינט האָט געהאַלעט מיט אַזאַ רוגזה און טײַוואָלישער קראַפֿט,

אז די זעקס מענטשן האָבן, נישט קוקנדיק אויף זייער מונ-
טערער שטימונג, געפילט אַן אינסטינקטיוון פּחד. זיי האָבן
געמוזט אָפּרוען עטלעכע שעה, איבערוואַרטן ביז די ווילדע
שניי-זאַווערוכע וועט אויפהערן איר שרעקלעכן גאַלאָפּ אי-
בער דעם ריזיקן וואַלד פון אייז-בערג.

צוועלף הינט זענען אומגעקומען. זיי האָבן זיך פאַר
שרעק איינגעגראָבן אין שניי, געוואָיעט צוזאַמען מיטן ווינט
און צום סוף אויפגעהערט, אויסציענדיק די לאַפּעס אויפן
שניי. די רעשט הינט האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנ-
דערן און מוראדיק געוואָיעט.

לאַרסען האָט אויפגעשטעלט אַ געצעלט פון ברעזענ-
טענער לייוונט און די מענטשן מיט די הינט האָבן זיך
דאָרטן געשיצט פאַרן שרעקלעכן ווייסן גיהינום-ווינט.

צען טעג האָבן די זעקס מענטשן געפירט אַ שלאַכט
מיט די מעכטיקע נאַטור-כּוחות. עלסוואָרט האָט פאָרגעלייגט,
אַז מ'זאָל צוריקגיין צו דער שיף.

— מיר וועלן דאָ אומקומען, — האָט ער געטענהט, —
איז דען מעגלעך, אַז מיר זאָלן מנצח זיין אָט די דאָזיקע
ווייסע מחבלים?

— ס'איז מעגלעך, — האָט אַמונדסען געענטפערט מיט
אַ פעסטער שטים.

— ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? — האָט זיך עלסוואָרט
געוואונדערט.

— ווען מיר וועלן אויף קיין אײן מינוט נישט פאַר-
לירן דעם מוט און קאָנען קוקן דער גרעסטער געפאַר
דרייסט אין די אויגן אריין, דאַן וועלן מיר אַלע מניעות
בייקומען, דאַן וועלן מיר אונזער ציל זיכער דערגרייכן!

עלסוואָרט האָט געשוויגן. ער האָט זיך איצט אַליין

פֿאַרשעמט פֿאַר זײַן שוואַכקייט און ווען די גרופּע האָט ווייטער גענומען קלעטערן איבער דער אומצײַליקער צאָל איין־בערג, האָט זיך על־סוואָרט איצט אַרויסגערוקט דער ערש־טער און זיך נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר די קאַרקפּרעכערישסטע געפֿאַרן, פֿאַר די שווערסטע איבערגענג.

דאָס שרעקלעכסטע פֿון אַלעם איז געווען דאָס אַרי־בערגיין דעם אַזוי־גערופֿענעם „טײַוולס אייז־באַרג". דאָס איז געווען אַ מוראדיקער קאַלאָס מיט אָן אַ שיעור שפּאַלטן און אָפּגרונטן. ער איז געווען גלאַטיק, דער שטורעם האָט אַראָפּגעשאַרט פֿון אים דעם שניי, און ס'איז אוממעגלעך געווען זיך אויף אים צו דראַפּען. פֿון יעדן אָרט, פֿון יעדער שפּאַלט האָט אַרויסגעקוקט דער טויט.

די זעקס העלדן האָבן יעדן שפּאַן געמוזט נעמען מיט שטורעם, אָנשטרענגענדיק דערבײַ אַלע כּוחות. אַמונדסען האָט געהייסן אַרײַנקלאַפּן די שפּיציקע אייזנס אין אייז אַרײַן, כּדי צו האָבן אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן. אַלע ווײַל האָט אָבער דאָס אייז געפּלאַצט און דאָס אײַזן האָט זיך אַרויס־געגליטשט.

זעקס און דרײַסיק שעה האָט געדויערט ביז די זעקס העלדן האָבן זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿן אייז־קאָלאָס. זיי זענען געווען שרעקלעך מיד, די אויגן האָבן זיך בײַ יעדן איינעם געקלעפּט, אָבער אַמונדסען האָט נישט געלאָזט קיין סעקונדע לענגער רוען אויפֿן באַרג, ווײַל דער מעכטיקער ווינט האָט געקאָנט אַראָפּשלײַדערן די זעקס מענטשן פֿון אַ הויך פֿון טויזנט מעטער.

— מיר מוזן תּיכּף אַראָפּגיין אויף דער אַנדערער זײַט, — האָט ער באַפֿוילן.

דאָס אַראָפּקלעטערן פֿון „טײַוולס אייז־באַרג" איז אויך

געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן, אָבער עס האָט נישט געדויערט אַזוי לאַנג. במשך פון צען שעה האָבן זיי זיך געפונען ביי די פוס-טריט פון דעם שרעקלעכן אייז-באַרג.

— מיר געפינען זיך שוין אויף דעם 86 קן גראַד פון דער דרום-ברייט, — האָט אויסגערופן אַמונדסען, — חברים, נאָך פיר גראַד — און מיר זענען אויפן דרום-פּאָל!

נאָך פיר גראַד! די דאָזיקע פעסטשטעלונג האָט צוגעגעבן אַלעמען מוט. נישט געקוקט, וואָס מ׳האָט צען טעג געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די מעכטיקע שומרים פון דרום-פּאָל, איז יעדער איינער פון די זעקס מענטשן געווען כּוונטער און פריילעך. מונטערער פון אַלעמען איז געווען אַמונדסען. עס האָט געשפּרודלט פון אים מיט ענערגיע, און קוקנדיק אויף אים, אויף זיין דרייסטן און מונטערן געזיכט, אויף זיין אומדערשראָקענעם בליק, ווען עס פלעגן דערשיינען די שרעקלעכסטע געפאַרן, זענען אויך זיינע חברים געוואָרן מונטער, האָבן זיי זיך דערפילט זיכערער, ווי ער וואָלט זיי געשיצט פון די גיהינומדיקע שטורעמווינטן, ווי ער וואָלט זיי פאַרשטעלט פאַר די מעכטיקע קלעפּ פון די שניי-זאַוויערוכעס. אַמונדסען איז איצט געווען זייער שיצער, ער איז איצט געווען זייער פירער.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער. פאַר זיי האָט זיך ווידער אויסגעשפּרייט אַן ענדלאָזער שניי-מדבר. פיר טעג זענען זיי אַזוי געגאַנגען אין דעם אומהיימלעכן, ווייסן שניי, וואָס האָט געשטאָכן די אויגן, הגם די מענטשן האָבן געטראָגן שוץ-ברילן, אין קעגנפאַל וואָלטן זיי בלינד געוואָרן פון דער בלענדנדיקער, איינטאָניקער ווייסקייט.

זיי זענען געשלאָפן אין דעם ווייסן מדבר. זומער איז דאָרטן נישטאָ קיין נאַכט, די זון שטייט בסדר אויפן הימל.

דער לאַנגער טאָג ווערט צוגעגעסן. ער שרעקט. ס'איז דאָס איינציקע אָרט, אַפשר, אויף דער ערד, וואו מענטשן בענקען אַזוי שטאַרק נאָך אַ ביסעלע נאַכט...

נאָך פיר טעג וואַנדערן איבער דעם ווייסן מדבר, האָבן זיך פון דער ווייטנס ווידער באַוויזן ריזיקע הויכע בערג, אַ גאַנצע קייט פון בערג־ריזן, וועלכע האָבן לויט אַמונדסענס אויסרעכענונג דערגרייכט פון פיר טויזנט ביז פיר טויזנט פינף הונדערט מעטער די הויך.

איצט האָבן די בערג שוין נישט געשראָקן. נאָכן אַדורכקלעטערן דעם געדיכטן וואַלד פון אייז־בערג, האָט זיי שוין קיין שום געפאַר נישט געקאָנט אָפּשרעקן.

— איך קאָן אייך באַרואיקן, חברים, — האָט אַמונדסען דערקלערט, באַטראַכטנדיק די מאַפּע, — די דאָזיקע בערג ליגן נישט אויף אונזער וועג, זיי געפינען זיך אויף מערבֿ־זייט פון דרום־פּאָל. אמת, מיר הויבן זיך איצט אויף אַלץ העכער און העכער, אָבער דאָס איז אַ הויכע פּלאַכקייט. איך האָף, אַז מער קיין גרויסע מניעות וועלן מיר שוין נישט האָבן.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער. דער וועג האָט געפירט אַלץ העכער און העכער. אַלע ווײַלע האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט ריזיקע אייז־גלעטשערס, וועלכע די זעקס מענטשן האָבן געמוזט אויסמיידן, כּדי נישט אומצוקומען. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן 20 גראַד פראָסט, אָבער, נישט קוקנדיק דערויף, האָבן די זון־שטראַלן אַזוי געבריט דאָס פּנים, אַז די מענטשן האָבן זיך באַגאָסן מיט שווייס.

— איך וואָלט מיר מיט חשק איצט געמאַכט אַ זון־באָד, — האָט באַמערקט עלסוואָרט.

— די גאַנצע הויט וואָלט אייך אַראָפּגעקראָכן, — האָט

אַמונדסען געענטפערט, — און איבעריקנס איז נישט אַזוי לייכט אַרויסצוקריכן פון אונזערע פוטערנע מלבושים.

פון דערוויטנס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו ציען א שנייאיקע אומענדלעכקייט. „שניי, שניי און שניי!" — האָט מיט כּעס געפּרעדט דער יונגער געלערנטער און אַמונדסענס פריינט, האַאַקאָן האַמער, — „וואָס פאַר א זינלאָזיקייט דאָס איז! מ'קאָן דאָך פון זינען אַראָפּ פון דער דאָזיקער איינטאָניקער ווייסקייט!"

— חברים, איך האָב אייך אָנצוזאָגן א גוטע בשורה, — האָט אַמונדסען אויסגערופן, — מיר געפינען זיך שוין אויף דער 89-טער ברייט. קיין שום מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטרעטן אויף דער ערד, וואו מיר גייען איצט. ביז איצט האָט מען דערגרייכט בלויז ביזן 88 טן גראַד פון דער דרומדיקער ברייט, אָבער מיר האָבן געשלאָגן דעם רעקאָרד. און איצט, חברים, נאָך איין גראַד — און מיר זענען די זיגער! אונזערע פיס וועלן שטיין אויפן דרום-פּאָל!

— נאָך איין גראַד! — האָבן ביי אַלעמען געצוימען ציטערן די הערצער פאַר פרייד, האָבן די אויגן זיך אָנגעצונדן מיט א פייערל פון באַגייסטערונג, — נאָך איין גראַד! נאָך איין גראַד!

— מיר וועלן איצט נישט גיין, מיר וועלן פליען! — האָט עלסוואָרט באַמערקט און שנעל אָנגעטון די נאַרטן.

— דער וועג איז איצט א גלייכער, מיט די נאַרטן וועלן מיר שנעלער אָנקומען, — האָט אַמונדסען געענטפערט.

ביי אַלעמען האָבן געשיינט די געזיכטער. מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי די דאָזיקע זעקס מענטשן, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען אַזויפיל שרעקלעכע געפאַרן, וואָלטן זיך געגרייט צו א גרויסן יום-טוב.

אַלע האָבן שנעל אָנגעטון די נאַרטן און זיך געלאָזט מיט אַ מעכטיקן אימפּעט איבערן שניי. זיי האָבן שוין איצט נישט געהאַט קיין שום מניעות אויפן וועג. אַ שנייאיקע, בלאַנקענדיק ווייסע, גלאַטיקע רחבות האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זייערע אויגן.

זעכצן שעה כסדר זענען זיי געפלויגן אויף די נאַרטן. זיי האָבן זיך נאָר אָפּגערוט אויף אַ מינוט, כדי עפּעס צו עסן און האָבן זיך ווייטער געגלישט איבער דער שנייאיקער גלאַטקייט.

די הערצער האָבן געקלאַפּט. די אויגן האָבן געברענט פאַר פרייד. אַמונדסענס געזיכט האָט געשטראַלט. די בלענדנדיקע ווייסקייט האָט זיך אַלץ ווייטער געצויגן, אָן אַן ענדע, אָן אַ סוף.

— צום נצחון, מונטערער, שנעלער, חברים! — האָט אַמונדסען אויסגערופן און די זעקס ריטער פון דרום־פּאָל זענען געפלויגן אויף די נאַרטן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דער קאָפּ האָט זיך ביי זיי אַזש פאַרדרייט.

— קיין שום לעבעדיקער נפש האָט זיך נאָך דאָ נישט געפונען, — האָט באַמערקט עלסוואָרט, — דאָס אָרט, וואו מיר געפינען זיך דאָ, איז נאָך יונגפרוילעך, קיינער האָט נאָך נישט מטמא געווען די דאָזיקע ווייסע, שנייאיקע אומשולד! מיר זענען זיגער! — האָט ער אויסגערופן פול מיט פרייד.

— וואו געפינען מיר זיך? — האָט אַ פרעג געטון האַמער, — דוכט זיך, דוכט זיך, אַז... מיר זענען שוין כמעט... כמעט...

ער האָט פּשוט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט, אַז זיי געפינען זיך שוין כמעט ביים ציל.

— סטאָפּ! — האָט אַ געשריי געטון אַמונדסען און אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָפּווישנדיק זיך דעם שווייס פון שטערן.

אַמונדסענס פּנים האָט העל געלויכטן קעגן דער זון. ער האָט געשוויגן און געמאַכט די אויסמעסטונגען. אויך אַלע זיינע חברים האָבן געשוויגן. ס'האָט געהערשט אַ פּייערלעך שטילשווייגן. דורם האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן ענדלאָזע ווייסע רחבותדיקייט. אפילו די נאַטור איז איצט געווען פאַרזונקען אין אַ פייערלעכער שטילקייט. די זון, וועלכע איז שוין וואָכן לאַנג נישט אָפּגעטרעטן פון הימל, האָט געוואָרפן בלענדנדיקע שטראַלן אויפן שניי.

— חברים, — האָט אַמונדסען אַרויסגערעדט מיט אַ שטילער, אָבער פייערלעכער שטים, — מיר האָבן אונזער ציל דערגרייכט, מיר געפינען זיך אויף דער 90-טער דרום-ברייט און אויב כ'האָב קיין טעות נישט געפינען מיר זיך אין סאַמע צענטר פון דער דאָזיקער ברייט — אויפן פּאָל!

— הורראַ! הורראַ! — האָבן אַלע אויסגערופן און זיך אַרומגעכאַפּט קושן.

על סוואָרט איז געווען, ווי משוגע, ער האָט געטאַנצט, געשפּרונגען, זיך געקאָלערט איבערן שניי און אַלע ווייל אויסגערופן:

— מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ חלום! איז עס מעגלעך, אַז מיר געפינען זיך טאַקי אויפן דרום-פּאָל? איז עס מעגלעך?!

אַמונדסען איז געשטאַנען אַ ווייל אַ צעשטראַלטער און צערודערטער און נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. פאַר אים אַליין איז דאָס געווען אומגלויבלעך. ענדלעך איז דאָס פּראָבלעם געלעזט! זיינע אָנשטרענגונגען און באַמי-

אונגען זענען נישט געגאַנגען לאיבוד, זיין לאַנג-יעריקער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן – ער געפינט זיך אויפן דרום-פאָל פון דער ערד, אין דעם געהיימניספולסטן, אומ-דורכדרינגלעכסטן ווינקעלע פון דער ערד-קויל, אויף דעם אָרט, צו וועלכן צענדליקער געלערטע און נאַטור-פאָרשער האָבן יאָרן לאַנג געווענדט זייערע בליקן און נישט דערגרייכט עס. ער געפינט זיך איצט אויף דעם אָרט, וואָס האָט דער מענטשהייט אָפּגעקאָסט אַזויפיל קרבנות און ענד-לעך האָט ער עס דערגרייכט!

ער איז אַרומגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט אויף אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער, גענוי אויס-געמאָסטן און ענדגילטיק פעסטגעשטעלט, אַז זיי געפינען זיך טאַקי אין סאַמע צענטער פון דרום-פאָל! די אויסמעסטונגען זענען געווען אַזעלכע גענויע, אַז ס'האָט שוין איצט נישט געקאָנט זיין דער מינדסטער ספק, אַז זיי געפינען זיך אויפן דרום-פאָל.

– היינט איז דער 14-טער דעצעמבער 1911, – האָט לאַרסען אויסגערופן, – דער היינטיקער טאָג וועט אַריין אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור אַלס אַ וויכטיקע דאַטע. דער שעפער פון דער דאָזיקער וויכטיקער דאַטע וועט זיין אונזער פריינט ראָאַלד אַמונדסען, וועלכער האָט אונז מיט אַן אומדערשראָקן געפיל און איבערמענטש-לעכער קראַפט געפירט איינצונעמען דאָס דאָזיקע געהיימ-ניספולע שטיקל ערד, אויף וועלכן מיר שטייען איצט. איך טרינק איצט פאַר אונזער העלד אַמונדסען!

דער עולם האָט געטרונקען קאָניאַק און געהאַלטן טאָאַסטן. זעקס מענטשן האָבן זיך פאַרקליבן אויף דעם סאַ-מע ווייטסטן און אומדורכדרינגלעכסטן ווינקעלע פון דער

ערד און געפייערט זייער נצחון איבער דער סטיכיע פון דער נאַטור.

דריי טעג האָבן די זיגער פאַרברענגט אויפן דרום־פּאָל. אַמונדסען האָט אויפגעבויט אויפן פּאָל אַ ביידל, אַריינגעלייגט איינעווייניק פאַרשידענע זאַכן פון דער רייזע און אַ גענויע באַשרייבונג פון זייער ביז־איצטיקן שווערן וועג. אויפן ביידל האָט ער אויפגעהאָנגען די נאָרוועגישע פאָן און די ניי אַנטדעקטע ערד אַ נאָמען געגעבן: „די ערד פון האָקאָן דעם 7־טן", לויטן נאָמען פון נאָרוועגישן קעניג.

— און איצט, חברים, מוזן מיר שנעל גיין צוריק! — האָט אַמונדסען געמאָלדן די חברים זיינע, וועלכע האָבן זיך אַזוי שנעל נישט געוואָלט שיידן מיט דעם דעראָבערטן דרום־פּאָל. — דער זומער געדויערט דאָ נישט לאַנג, באַלד וועט דאָ אָנקומען דער שווערער ווינטער מיט שרעקלעכע פרעסט און שטורעם־ווינטן. אונזער זיג איז נאָך נישט קיין ענדגילטיקער אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן נישט קומען צו דער וועלט און איר אָנזאָגן די בשורה, אַז מיר האָבן אַנטדעקט דעם דרום־פּאָל. צי ווייסט איר חברים, אַז מיר האָבן נאָך דורכצומאַכן ביז דער שיף אַ סך שוועריקייטן און געפאַרן?

אין דער גרויסער פרייד פון אָפּגעהאַלטענעם נצחון, האָבן די מענטשן פאַרגעסן וועגן דעם וועג אויף צוריק. זיי זענען אָבער איצט געווען אַזוי מונטער און פריילעך, אַז זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט פון די געפאַרן, וואָס שטייען זיי ווידער פאָר. זיי זענען איצט געגאַנגען מיטן כח פון זייער אָפּגעהאַלטענעם נצחון און האָבן געקוקט מיט בטול אויף יעדן אייז־באַרג, אויף יעדן שפּאַלט־אָפּגרונט, האָבן זיך מיט

אַן אומדערשראָקענעם געפיל פאַרמאָסטן מיט די שניי-הוראַגאַנען, וואָס האָבן עטלעכע מאָל פאַרשפאַרט פאַר זיי דעם וועג צוריק.

דער וועג אויף צוריק איז געווען נישט ווייניקער שווער און געפערלעך, ווי דער וועג צום דרום-פאָל, אָבער פריער זענען געגאַנגען מענטשן, וועלכע האָבן געצווייפלט, צי זיי וועלן דערגרייכן זייער ציל, איצט האָט דער באַוואוסטזיין פון זייער זיג נאָך שטאַרקער געמאַכט זייערע ♦ קוילן און פעלזנפעסטער געשטאַרקט זייער ווידערשטאַנדס-קראַפט.

במשך פון די 39 טעג, וואָס זיי זענען געגאַנגען צוריק, האָבן זיי כסדר געמוזט פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די אָפטע שטורעמווינטן און שניי-זאַווערוכעס, אייזבערג און אָפגרונטיקע שפאַלטן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די נאַטור האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אָן די דאָזיקע זעקס מענטשן, וועלכע האָבן געוואָגט אַרייַנצודרינגען אין אירע געהיימניספולע לאַבירינטן. אין דער געגנט פון דעם אונז שוין באַקאַנטן שטח פון די אומצייליקע אייז-בערג האָבן די זעקס מענטשן דריי מעת-לעת נאָכאַנאַנד געמוזט פירן ממש אַ פאַרביטערטע שלאַכט מיט אַ מוראדיקן הוראַגאַן, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער דאָזיקער געגנט און געשליידערט מיט די זעקס העלדן, ווי מיט פעדערלעך. ווי דורך אַ נס זענען זיי נצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ענדלעך איז אַמונדסען מיט זיינע חברים, נאָך 99 טעג פאַרבראַכטע צווישן שניי און אייז, שטורעמווינטן און שניי-זאַווערוכעס, אָנגעקומען דעם 25-טן יאַנואַר 1912 צו דער שיף „פראַם".

אויף דער שיף האָט מען שוין געמיינט, אַז די זעקס

זיי דערזען פונ·
העלדן זענען אומגעקומען און ווען מ׳האָט
מיט פרייד·
דערווייטנס, האָט מען זיך געלאָזט זיי אַנטקעגן
אויסגעשרייען.

זייערע
די זעקס העלדן זענען אַלע געווען באַוואַקסן,
פון ווינט
געזיכטער זענען געווען צעאַקערט און צערונצלט
צו דערקענען.
און פראָסט, ס׳איז זיי פּשוט שווער געווען
ווי קיינמאָל
אָבער מונטער און פריילעך זענען זיי געווען,
איבערלעבונגען
אין לעבן. נישט געקוקט אויף די שווערע
צווישן אייז
פון די לעצטע 99 טעג, וואָס זיי זענען געווען
און
און שניי, האָבן זייערע פּנימער לעבעדיק געשמייכלט
די אויגן האָבן געפינקלט פון פרייד.

די גאַנצע וועלט
אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך
אין נאָרוועגיען האָט מען
דערוואוסט וועגן אַמונדסענס זיג.
אין לאַנד
אַמונדסענען אויפגענומען, נאָך זיין צוריקקערן
די באַ·
אַרויסגעוויינלעכן כּבוד און ענטוזיאַזם.
פון דער נאָרוועגי·
ערין, מיט אויסערגעוויינלעכן כּבוד און ענטוזיאַזם.
פון דער נאָרוועגי·
פעלקערונג איז אַרויס אויף די גאַסן
פון
שער הויפּטשטאָט, כּדי צו באַגריסן דעם אַנטדעקער
מיט זיין
דרום-פּאָל. דאָס גאַנצע לאַנד האָט שטאָלצירט
האָבן
„נאַציאָנאַלן העלד“, ווי די נאָרוועגישע צייטונגען
איצט אָנגערופן אַמונדסענען.

דער ערשטער פלי צום צפון-פּאָל

רועןאַמונדסען האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט רוען
עס האָט
אויף זיינע לאָרבער-קרענץ, ווי אַנדערע העלדן.
דאָסכאָל
אים ווידער געצויגן אין די אייז- און שניי-מדבריות.
חלום-אויס·
האָט ער באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן זיין אַלטן
אמת טאַקע, פּיר·
פאָרשן געגנט די געגנטן פון צפון-פּאָל.

האָט אַנטדעקט דעם צפון־פּאָל. אָבער ערשטנס האָט די חיסנ־שאַפט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו פּיריס אַנטדעקונג, צווייטנס איז די געגנט פון צפון־פּאָל נאָך אַלץ געווען איינגעהילט אין סודות און אַ סך ערטער — נישט אויסגע־פאָרשט.

לויט אַמונדסענס פּלאַן איז אַמלייכטסטן געווען צוצו־קומען צום צפון־פּאָל מיט אַן עראָפּלאַן. פון עראָפּלאַן עראָפּ וואָלט מען געקאָנט דורכפירן אַלע נויטיקע באַאָבאַכ־טונגען און אויסמעסטונגען. פאַר דער וויסנשאַפט וואָלט דאָס געהאַט אַ גאָר גרויסע באַדייטונג.

אַמונדסען האָט זיך גענומען פאַרווירקלעכן דעם דאָ־זיקן פּלאַן. ער האָט זיך שוין געהאַט פאַרשטענדיקט מיט אַמעריקאַנער אינזשיניערן וועגן אויסבויען אַן עראָפּלאַן, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אַ פלי אין די פּאָל־געגנטן, אָבער אינמיטן איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אַמונדסענס פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן.

אָבער ער האָט נישט געקאָנט רוען. אַזויפיל נישט־אויסגעפאָרשטע שטחים געפינען זיך נאָך אין דער געגנט פון צפון־פּאָל, אַזויפיל געהיימניסן האָט נאָך אין זיך דער ווייסער קאַלטער צפון — און אַמונדסען זאָל בלייבן צו דעם אַלעם גלייכגילטיק, ער, דער „נאַפּאָלעאָן פון די שניי־מדבריות”?

ער וואַרט די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, אָבער די מלחמה פאַרציט זיך לאַנג. אַמונדסען לייגט נישט מער קיין אַכט דערויף, וואָס די מלחמה איז אין מיטן ברען, וואָס מען קאָן זיך אָנשטויסן אין ים אויף אַ מינע. ער אָרגאַני־זירט אַ נייע עקספּעדיציע אויף אויסצופאָרשן די פּאָל־געגנט און אין פרילינג 1918, ווען די האַרמאַטן אויף די שלאַכט־

דער האָבן נאָך געטון זייער שרעקלעכע פאָרניכטונגס־אַרבעט, איז אַמונדסען אַרויסגעשוואומען אויף דער שיף „מאָד“, זיך לאַנדיק צום אינזל שפּיצבערגען. פון דאָרטן איז די עקספּעדיציע אַוועק אין די ווייטע געגנטן פון צפון־פּאָל.

פיר יאָר האָט אַמונדסען פאַרבראַכט צווישן שניי און אייז, מאַכנדיק גענויע אויספאָרשונגען, אויכאַרבעטנדיק אַ נייע מאַפּע פון דער פּאָל־געגנט. צוריקקומענדיק פון דער דאָזיקער לאַנגער נסיעה, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן זיין פריערדיקן פּלאַן וועגן לאָזן זיך איבער די פּאָל־געגנטן מיט אַן אַעראָפּלאַן. די פיר־יאָריקע רייזע מיט דער שיף „מאָד“ האָט אים איבערצייגט, אַז נאָר מיט דער הילף פון אַן אַעראָפּלאַן איז מעגלעך אַריבערצופליען דעם צפון־פּאָל און גענוי אויספאָרשן די אַרטיקע געגנט. עס וועלן נישט פאַראַן דאָן קיין שום שטערונגען, קיין שום אייז־בערג, וואָס זאָלן איינהאַלטן דעם פּאָלאַר־פאָרשער אין זיין ווייטערדיקן וועג, קיין שום אָפּגרונטן און שפּאַלטן. און דער עיקר — דער עיקר קאָן מען דאָך מיטן אַעראָפּלאַן דורכמאַכן די נסיעה צען מאָל שנעלער און לייכטער!

ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט זיין פאַרערער, דעם אַמעריקאַנער אינזשעניער לינקאָלן עלסוואָרט. עלסוואָרט האָט תיכף צונויפגעזאַמלט די נויטיקע סומע געלט און אינגיכן זענען פאַרטיק געוואָרן צוויי הידראָפּלאַנען, מיט וועלכע אַמונדסען האָט זיך געדאַרפט לאָזן אין אַ פלי איבערן צפון־פּאָל.

אַלע צוגרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן אין אַ פיבערהאַפטן טעמפּאָ. אַמונדסען האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער גאַנצער אַרבעט און שוין אין אַפּריל 1925 איז אַלץ געווען פאַרטיק.

די צוויי שיפן „פראַם" און „האָבי" זענען דעם 16-טן אַפּריל אָפּגעשוואומען פון דעם נאָרוועגישן פּאָרט טרעמזאָ, פירנדיק מיט זיך די 21 אָנטיילנעמער פון דער פּאָל-עקספּעדיציע און די צוויי הידראָפּלאַנען, מיט וועלכע אַמונדסען האָט זיך געדאַרפט לאָזן פליען פון שפּיצבערגען.

אַמונדסען האָט זיך אָנגעצייכנט דעם וועג צו פליען פון שפּיצבערגען ביז איבערן צפון-פּאָל קיין אַלאַסקאַ (אַמעריקע). דאָס איז געווען אַ מהלך פון צוויי טויזנט ענגלישע מייל און לויט אַמונדסענס אויסרעכענונגען האָט ער דעם דאָזיקן דרייסטן פלי געזאָלט אַדורכמאַכן במשך פון 24 שעה. פאַרשטייט זיך, ווען אַלץ זאָל אַדורכגיין בשלום און ס'זאָל אויפן וועג נישט געשען קיין שום אומגליק.

די איצטיקע עקספּעדיציע מיט עראָפּלאַנען איז, פּונקט ווי די פריערדיקע מיט דער שיף, צוגעגרייט געוואָרן מיט אַלע מינדסטע פּרטים. ווי געזאָגט, האָט איבער אַלעם געוואַכט אַמונדסענס אויג. יעדער עראָפּלאַן האָט געהאַט צוויי מאָטאָרן. טאָמער ווערט קאַליע איינער, זאָל דער פלי נישט ווערן איבערגעריסן און מ'זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיטן צווייטן. די עראָפּלאַנען זענען געווען אינגאַנצן געבויט פון אַלומיניום און זענען געווען אַזוי קאָנסטרויִרט, אַז זיי האָבן געקאָנט שווימען אויפן וואַסער און זיך אַראָפּלאָזן אפילו אויף אייז און שניי.

אַלץ איז געווען גענוי פּאָרויסגעזען און ווען אַמונדסען האָט זיך אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער אין עראָפּלאַן, איז ער, ווי תמיד, געווען מונטער און פריילעך. צו זיינע פריינט, וועלכע זענען געבליבן אויף דער שיף ביי שפּיצבערגען, האָט ער געזאָגט:

— ביז איצט איז נישט באַוואוסט, צי אויפן צפון-

פּאָל געפינט זיך אייז, וואַסער, אָדער ערד. אפשר וועלן מיר געפינען נייע לענדער. יעדנפאַלס דאַרפן מיר נישט צוריקקומען מיט ליידיקע הענט. צום ווידערזען, מיינע פריינט! אין אַ משך פון צוועלף, פערצן שעה זענען מיר ביים צפון-פּאָל!

מיט יאָרן צוריק האָט מען זיך געדאַרפט שלעפן וואָכן און חדשים אין די אייז-מדבריות און אויסשטיין די גרעסטע געפאַרן, איצט האָט מען געגלויבט אין צוועלף שעה צו זיין אויפן פּאָ". עס האָבן אויפגעהערט אַלע מניעות, דער מענטשלעכער געניוס איז ווי אַן אָדלער געפלויגן איבער אייזבערג און שניי-וויסטענישן.

און ווען די צוויי הידראָפּלאַנען האָבן זיך דעם 21 מאַי 1925 אויפגעהויבן איבער שפּיצבערגען און זענען פאַרשוואונדן אויפן האָריזאָנט, האָט די גאַנצע וועלט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויפן רעזולטאַט פון אַמונדסענס דרייסטן פלי.

דאָס ערשטע מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָט זיך דער מענטש געלאָזט פליען איבער דער סודות-פולער געגנט פון פּאָל. ס'איז געווען אַ געוואַגטער שריט און דעריבער האָבן אַלע מיט אומגעדולד דערוואַרט דאָס צוריקקומען פון אַמונדסענען. דער גורל פון די דרייסטע פליער צום צפון-פּאָל האָט איצט אינטערעסירט די גאַנצע וועלט. מיליאָנען מענטשן האָבן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אָפּגעוואַרט די מינדסטע ידיעה וועגן אַמונדסענס גורל.

ס'זענען אַדורך די 24 שעה, וועלכע אַמונדסען האָט אויסגערעכנט פאַר זיין פלי פון שפּיצבערגען ביז אַלאַסקאַ און פון די פליער איז קיין שום ידיעה נישט אָנגעקומען. ס'זענען פאַרביי נאָך 24 שעה און אַמונדסען האָט וועגן

זיך גאַרנישט געלאָזט הערן. ס'איז אַוועק איין טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ וואָך און די וועלט האָט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און אומגעדולד געוואַרט אויף אַ צייכן פון די פליער. אָבער די ראַדיאָ-אַפּאַראַטן האָבן געשוויגן, ס'איז אין ערגעץ נישט אָנגעקומען קיין שום ידיעה פון די פאַרשוואונדענע פליער.

זאָל אַמונדסען האָבן אומגעקומען? אָדער זאָל ער האָבן געווען געצוואונגען זיך אַראָפּצולאָזן ערגעץ אויפן אייז און געפינט זיך אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע?

אין ניו-יאָרק, פּאַריז, לאָנדאָן האָבן זיך שוין געפונען דרייסטע מענטשן, וועלכע זענען גרייט געווען אַרויסצופליען צום צפון-פּאָל כדי אויפצוזוכן אַמונדסענען. פאַרשידענע השערות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז אַמונדסען האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן נישט ווייט פון אַלאַסקאַ און גייט צופוס צו אַ מענטשלעכן ישוב, אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ער האָט דעם צפון-פּאָל נישט דערגרייכט, ווייל מיט די אעראָפּלאַנען איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע. לויט די אַטמאָספערישע ענדערונגען אויף שפּיצבערגען האָט געקאָנט אַנטשטיין אַ מורא, אַז די אַעראָפּלאַנען זענען אַריינגעפאַלן אין צענטער פון אַ שניי-ציקלאָן און צושמעטערט געוואָרן צוזאַמען מיט די פּאַסאַזשירן.

לויט ווי די נאָרוועגישע צייטונגען האָבן איבערגעגעבן, האָט אַמונדסען געהאַט אַ זאַפּאַס בענזין בלויז אויף 32 שעה. אויב ער האָט פאַרבלאָנדזשעט און געמוזט פליען לענגער, האָט אים אויסגעפעלט בענזין. אַמונדסען האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן ערגעץ אויפן אייז און זיין גורל איז דעריבער זייער אַ שווערער. אַזאַ השערה האָט מען אַרויסגעזאָגט.

די אומרואיקייט איז כסדר געוואקסן. עס זענען שוין פארביי 500 שעה פון אמונדסענס אפפליי און ער האט אלץ ווען זיך נישט געגעבן קיין צייכן. דא און דארט האבן זיך שוין געהערט זיכערע שטימען, אז אמונדסען מיט זיינע באגלייטער זענען אומגעקומען, אדער ווארטן אפ דעם ווייסן טויט אין די ענדלאזע שניי-מדבריות.

די וועלט איז געווען אומרואיק און מיט א קלאפנדיק הארץ אפגעווארט יעדן טאג א ידיעה וועגן אמונדסענס גורל.

וואס איז געשען מיט אמונדסענען? איז דער דרייסטער באצווינגער פון דרום-פאל, דער אומדערשראקענער קעמפער מיט דער מעכטיקער נאטור-סטיכיע טאקע געפאלן אין קאמף?

אט די דאזיקע שרעקלעכע פראגע האט זיך געפונען ביי יעדן איינעם אויף די ליפן.

צווישן לעבן און טויט

ארויספליענדיק פון שפיצבערגען זענען די הידראפלאנען, וועלכע האבן זיך כסדר געהאלטן צוזאמען, געפלויגן מיט א שנעלקייט פון 130 קילאמעטער א שעה. אלץ איז געגאנגען כשורה. די מאטארן האבן געקלאפט און די צוויי קאלאסן פון אלומיניום האבן זיך געטראגן גלייך אין דער ריכטונג צום צפון פאל.

אונטער זייערע פיס האט זיך אויסגעשפרייט דער אונז שוין באקאנטער איינטאניקער פייזאזש פון שניי און אייז, אייז און שניי.

אבער פלוצלונג האט איינער פון די מאטארן א שטארקן קרעכץ געטון און זיך אפגעשטעלט. ווי באוואוסט,

האָט יעדער הידראָפּלאַן געהאַט צו צוויי מאָטאָרן, אָבער דאָס פליען מיט איין מאָטאָר איז איצט געווען געפערלעך. חוץ דעם האָבן די פליער שוין געהאַט אויסגענוצט אַ העלפט בענזין.

אַמונדסען האָט באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל לאַנדן, כּדי צו פאַרריכטן דעם מאָטאָר. אָבער ווי אַזוי לאָזט מען זיך אַראָפּ אויף שפּיציקע, משופּעדיקע אייז-קריעס? די הידראָפּלאַנען וואָלטן צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיצלעך.

אָבער ס׳איז נישט געווען קיין ברירה. מ׳האָט דעם מאָטאָר געמוזט פאַרריכטן. נאָך לאַנגע זוכענישן האָבן זיי ענדלעך געפונען אַ גלאַטיק שטיק אייז און זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין גרויס סכּנות. איין אומפאָרזיכטיקע באַוועגונג מיטן רודער און די הידראָפּלאַנען צוזאַמען מיט די מענטשן וואָלטן צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיצלעך.

— מיר געפינען זיך סך-הכּל 150 קילאָמעטער פון פּאָל, — האָט אַמונדסען דערקלערט, נאָכדעם, ווי ער איז אויסגעשטיגן פון עראָפּלאַן. — אָבער וואו איז דער צווייטער הידראָפּלאַן? — האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן.

אַ געדיכטער נעפּל האָט אַלץ אַרום פאַרשטעלט. דער צווייטער הידראָפּלאַן, אין וועלכן ס׳זענען געזעסן דריי מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע, איז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן. אַמונדסען איז געוואָרן זייער אומרואיק. ער האָט דערקלערט זיינע חברים, אַז מען מוז תּיכּף אויפזוכן דעם פאַרשוואונדענעם הידראָפּלאַן. מ׳האָט זיך געלאָזט איבערן אייז, אָבער וואו זוכט מען אים? פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט שטימען און אין נעפּל דערקענט די קאָנטורן פון די דריי

פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשוואונדענעם הידראָפּלאַן.

— וואָס איז געשען? — האָט אַמונדסען געפרעגט.

— בעתן אַראָפּלאָזן זיך איז אונזער הידראָפּלאַן צע־קלאַפּט געוואָרן און מיר זענען קוים נצול געוואָרן מיטן לעבן.

אַמונדסען איז אַוועק צום צעקלאַפּטן הידראָפּלאַן, וועלכער איז געלעגן אויף אַ זייט מיט אַן איבערגעבראָכענעם פליגל. דער דאָזיקער הידראָפּלאַן איז שוין איצט געווען אַ שברי־כּלי און מ'האָט אים געמוזט איבערלאָזן אין שניי־מדבר. די דריי פּאַסאַזשירן האָבן איצט געמוזט פליען צוזאַמען מיט אַמונדסענען אין איין הידראָפּלאַן, וואָס האָט שטאַרק באַ־שווערט דעם באַלאַסט, אָבער קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען. מ'וועט דאָך די דאָזיקע דריי מענטשן נישט איבער־לאָזן אויף גאָטס באַראָט אין דעם דאָזיקן ווייסן גיהינום.

איצט האָט מען זיך גענומען פאַרריכטן דעם מאָטאָר. אָבער ווען די דאָזיקע אַרבעט איז שוין געווען פאַרטיק, איז אַנטשטאַנען אַ נייע שוועריקייט. כּדי דער הידראָפּלאַן זאָל זיך קאָנען אויפהייבן, האָט ער געמוזט האָבן אַ שטח פון מינדסטנס עטלעכע הונדערט מעטער די לענג און אַ 20 מעטער די ברייט. דער הידראָפּלאַן איז איצט געשטאַנען אויף אַ קליין שטיק אייז. ביי די זייטן האָבן זיך אויפגע־הויבן אייז־ווענט, אָדער ס'האָבן זיך געעפנט ברייטע שפּאַלטן, אין וועלכע ס'האָט גערוישט דאָס ים־וואַסער. גאַנצע בערג שניי האָבן אַרומגערינגלט דאָס אָרט. וואו דער הידראָפּלאַן איז געבליבן שטיין. פריער, ווען דער הידראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, איז דער גלאַטיקער שטח געווען גרעסער, אָבער איצט האָבן שטיקער אייז און שניי זיך צוגערוקט

אַלץ נענטער, דראָענדיק צו צוברעכן די פליגל פון דעם הידראָפּלאַן.

די לאַגע איז געווען אַ שווערע. מ'האָט פאַר יעדן פּרייז געמוזט אָוועקנעמען די ריזיקע שטיקער אײַז און באַזייטיקן די בערג שניי, כּדי צו שאַפן פאַרן הידראָפּלאַן אַ מעגלעכקייט זיך אויפצוהייבן.

דער עולם האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. קיין ספּעציעלע מכשירים האָבן זיי נישט געהאַט. אַמונדסען האָט געאַרבעט מיט די בלויזע הענט, שלעפּנדיק גרויסע אײַזשטיקער און, אַרײַנוואַרפנדיק זיי אין די ים־שפּאַלטן. אַלע פּאָר שעה זענען פון די צוקלאַפּטע אײַז־בערג ווידער אָנגעפאַלן ריזיקער שטיקער אײַז און דער שטאַרקער ווינט האָט אויפסניי אָנגעיאָגט גאַנצע הורבעס שניי.

פון די מענטשן האָט זיך געגאָסן דער שווייס פון פּנים. מ'האָט געאַרבעט בײַטאָג און בײַנאַכט (זומער צײַט איז ווי באַוואוסט אויפן פּאָל בײַנאַכט אויך ליכטיק). ווען מ'האָט שוין געהאַט אָפּגערייניקט אַ שטח פון צוויי הונדערט מעטער די לענג, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שניי־זאַווייערוכע און ווידער פאַרשאָטן דעם וועג מיט געדיכטע בלאָסטן שניי און אײַז.

די פאַרצווייפלטע מענטשן האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט, אָבער אַמונדסען האָט זיי כּסדר אויפגעמונטערט. ער האָט געוואוסט, אַז אין אַזאַ קריטישן מאָמענט מוז מען אָנווענדן אַלע כּוחות און אָנשטרענגען די ווילנס קראַפט צו דער העכסטער מדרגה, כּדי בײַצוקומען די שוועריקייטן.

צען טעג אָן אָפּרו האָבן די מענטשן געהאָרעוועט. מידע, אויסגעמאַטערטע האָט מען געהאַלטן אין איין גראָבן

דעם שניי און באַוויטיקן די אייז-שטיקער ביז ס'האָט זיך ענדלעך געבילדעט אַ גלייכער שטח פון 150 מעטער די לענג און צוועלף מעטער די ברייט.

די מענטשן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַמונדסען האָט מורא געהאַט, אַז דער וועג זאָל ווידער נישט פאַרשיט ווערן. ער האָט דעריבער געהייסן די חברים תיכף זיך אַריינזעצן אין אַעראָפּלאַן, כּדי מען זאָל זיך שנעלער אויפהייבן. יעדע מינוט האָבן דאָך שטיקער אייז ווידער געקאָנט פאַרצוימען דעם וועג פאַרן הידראָפּלאַן.

איצט האָבן אַלע זיך אינעווייניק געמוזט צונויפקאַרטשען — עס זענען דאָך צוגעקומען דריי מענטשן. אָבער מ'האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. אַמונדסען האָט געגעבן אַ צייכן צום אָפּפליען. די מאָטאָרן האָבן גענומען רוישן, דער הידראָפּלאַן האָט גענומען שנעל פאָרן איבערן אייז, ער האָט זיך אַריבערגעגליטשט איבער אַ געפערלעכן שפּאַלט, וועלכער האָט זיך געבילדעט אין אייז. עס האָט געדויערט אַ מינוט און שוין זענען די העלדישע פליער ווידער געווען אין דער לופטן און דער הידראָפּלאַן האָט זיך ווידער געטראָגן איבער פעלדער פון שניי און אייז.

זיי זענען איצט געפלויגן צוריק! אַריבערפליען דעם צפון-פּאָל און פון דאָרט קיין אַלאַסקאַ האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד, ווייל עס האָט אויסגעפעלט בענזין. ס'איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה — מ'האָט געמוזט צוריקפליען קיין שפּיצבערגען. און אָט ווי אַמונדסען אַליין שילדערט דעם דאָזיקן צוריקפלי:

„דער וועג אונזערער האָט געפירט צום צפון-ברעג פון שפּיצבערגען. לכתחילה איז דער הימל געווען פאַרוואָלקנט, אָבער נאָכדעם האָט די זון זיך דורכגעשלאָגן דורך די

װאָלקנס. אַזוי זענען מיר געפֿלויגן דריי שעה ביי אַ ריינעם הימל, נאָכדעם האָט אונז ווידער אַרומגעהילט אַ געדיכטער נעפּל. מיר האָבן זיך דעריבער אויפגעהויבן מיט צוויי הונדערט מעטער העכער און זענען געפֿלויגן איבערן נעפּל אין העלע זון־שטראַלן. דער נעפּל איז אין אַ שעה אַרום ווידער פֿאַרשוואונדן און פֿאַר אונזערע אויגן האָבן זיך אויסגעשפּרייט דיזעלבע איינטאָניקע אייז־פֿלאַסטן. דערזעלבער אומעטיקער, האָפֿנונגסלאָז־דערדריקנדיקער פּייזאַזש, וואָס פֿריער, ווען מיר זענען געפֿלויגן קיין צפון. אומעטום האָט מען געזען באַוועגלעכע אייז־פֿעלזן, ענדלאָזע אייז־פֿעלדער, פֿאַרשידנפֿאַרביקע שטיקער אייז.

„דאָס איז געווען אַ פֿלי, וועלכער וואָלט אַלע מענטשן, וועלכע זוכן איינדרוקן, פֿאַרשאַפֿט אַן אויסערגעוויינלעכע פֿרייד. דער נעפּל איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער, מיר זענען געפֿלויגן, נישט זעענדיק אַרום זיך גאָרנישט, בלינדערהייט, מיט אַ שנעלקייט פֿון 120 קילאָמעטער אַ שעה. אונטער אונז האָבן זיך אויפגעהויבן שאַרפֿע שפּיצן פֿון אייז־בערג און יעדע מינוט האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט־אָט לעכערן די דאָזיקע שפּיצן דורך אונזער הידראָפּלאַן. יעדע סעקונדע האָבן מיר זיך, צוליבן געדיכטן נעפּל, געקאָנט אָנשטויסן אָן אַ פֿעסטן שפּיץ פֿון אַן אייז־באַרג און צעשמעטערט ווערן אויף פּיצלעך. צום גליק האָבן מיר אויסגעמיטן די געפֿאַר, אָבער ס'איז שוין באמת געווען אוממעגלעך לענגער אויסצוהאַלטן. איבערטראָגן אַזאַ צושטאַנד איז געווען פּשוט אוממעגלעך. נעפּל און אייז האָבן זיך פֿאַראייניקט אין איין מוראדיקער הידרע, וועמענס לאַנגע פֿינגער האָבן זיך אויסגעצויגן צו אונז מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. אַרום און אַרום איז צוליבן נעפּל געווען

שטאָק בינסטער. מיר האָבן ענדלעך באַשלאָסן זיך אויפצו־הויבן איבערן נעפּל. דער הידראָפּלאַן האָט זיך אַ הויב־געטון מיט 100 מעטער העכער. איצט זענען מיר געשוואומען אין דער ריינער לופט, אין די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון. ווי אַ דיוואַן פון שטאָל־קאָליר, אַזוי האָט זיך אויסגע־שפּרייט אונטער אונז דער נעפּל. איצט אָבער האָט מען ליבט געקאָנט באַמערקן, ווי דער נעפּל צעגייט זיך ביס־לעכווייז. מיר האָבן זיך שוין געקאָנט אָריענטירן אין דער געגנט. אָבער דאָס בילד איז נישט געווען אַזוי היימלעך: אייז, אייז און אייז אָן אַ סוף. ווען איך רעד איצט וועגן אומהיימלעכע באַדינגונגען פון לאַנדן, זע איך ערשט קלאָר, ווי נאָנט מיר זענען דאַמאָלס געווען צו אַ זיכערן טויט."

אַ לאַנגע צייט האָט אַמונדסענס הידראָפּלאַן געקרייזט אין דער צפונדיקער געגנט פון שפּיצבערגען, נישט ווייסנדיק וואו מען געפינט זיך. צוליב דעם, וואָס דער מאַגנעט ווירקט נישט אין דער פּאָל־געגנט און מען מוז זיך באַנוצן מיט דעם אַזויגערופענעם זון מאַגנעט, האָט אַמונדסען געמיינט, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

פּלוצלינג האָבן זיי דערזען אַ שיף. דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, נילס וואָלאַן, האָט זיי אויפגענומען און אַוועקגע־פירט קיין קינגסביי.

באַלד האָבן די דעפּעשן אין דער גאַנצער וועלט גע־מאָלדן די פריילעכע בשורה, אַז אַמונדסען און זיינע מיט־העלפער זענען געראַטעוועט.

דער העלד פאַרווירקלעכט זיין חלום

דער נישט־איינגעגעבענער פלי צום צפון־פּאָל האָט אַמונדסענען נישט אָפּגעשראָקן פון אָרגאַניזירן אין אַ קורצער

צייט אַרום אַ צווייטן פלי אין לאַנד פון אייביקן שניי און אייז. דער נאַפּאָלעאָן פון די פּאָל-געגנטן האָט די שלאַכט נישט אויפגעגעבן. ער האָט זיך פון חלום נישט געוואָלט אָפּזאָגן. „איך מוז פליען צום צפון-פּאָל, — האָט ער געזאָגט צום גענעראַל נאָבילע, וועלכער האָט געבויט פאַר אַמונדסענען אַ ספּעציעלן באַלאָן צו פליען אין דער אַרקטישער געגנט, — איך מוז אים דערגרייכן פאַר יעדן פּרייז!"

נישט אָפּרוענדיק זיך פון זיין שווערן פלי אין 1925, האָט זיך שוין אַמונדסען גענומען גרייכן צו אַ צווייטן פלי, אָבער נישט אויף קיין עראָפּלאַן, נאָר אויף אַ באַלאָן, וועלכער איז מער צוגעפּאַסט צו אַ פלי אין די פּאָלאַר-געגנטן.

אין דער דאָזיקער נייער עקספּעדיציע, וואָס אַמונדסען האָט אָרגאַניזירט, האָבן צווישן אַנדערע אָנטיילגענומען דער גענעראַל נאָבילע און דער שוועדישער געלערנטער מאַלמגרען וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען בעת דער נאָבילע-עקספּעדיציע.

נאָבילע האָט אויפגעבויט אַ גרויסן באַלאָן, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „נאָרגע" און צוזאַמען מיט אַמונדסענען דורכגעמאַכט די ערשטע פלי-פּרובע. די פּרובע האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן און אַמונדסען האָט דעריבער געמאַכט זיינע לעצטע צוגרייטונגען צו דער נייער עקספּעדיציע.

ער איז ווידער געגאַנגען שטורמען די פעסטונגען פון אייז און שניי, וואָס שיצן דעם פּאָל. די נאָר וואָס איבערגעלעבטע טויט-געפאַרן האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן. אַ מונטערער און דרייסטער האָט ער זיך ווידער געגרייט צו דער נייער שלאַכט מיטן „ווייסן שונא".

און אין אַ מאַי-טאָג פון יאָר 1926 האָט זיך אַמונדסען אויפגעהויבן אויף דעם באַלאָן „נאָרגע", בדי אדורכ-

צומאַכן דעם עפּאָכע־מאַכנדיקן פלי איבערן צפון־פּאָל, פון דער „קעניגלעכער בוכטע״ האָט זיך אויפגעהויבן דער ריזי־קער באַלאָן, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען נײַן מענטשן, און זיך געלאָזט אין אַ מאַיעסטעטישן פלי, צו ווײַטע, ענד־לאָזע שניי־מדבריות.

לאָמיר הערן אַמונדסענען גופא דערציילן וועגן דעם דאָזיקן העראָאישן פלי אין די געגנטן פון „ווײַסן טויט״.

„אונזער פלי אויף דער לופט־שיף „נאָרגע״ האָט אויס־געזען אין אונזערע אויגן, ווי אַ פּרעכטיקע נסיעה אין די הימלישע בלויקייטן, איבער אַ וועלט פון קרישטאָל, וואָס האָט געפינקלט אין די שטראַלן פון דער זון, אויף אַ באַ־לאָן, וועלכער איז געפלויגן מיט דער שנעלקייט פון 70 קילאָמעטער אַ שעה. די מאָטאָרן האָבן געאַרבעט מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער. די זון האָט אונז נישקשהדיק געוואַרעמט, צו להכעיס דער טעמפּעראַטור, און די אינער־לעכע וואַרעמקייט האָבן מיר געשעפּט פון די קישעלעך, וועלכע זענען געווען אָנגעפּילט מיט אייער, פלייש, פּאַש־טעטן, סוכאַרעס. געפלויגן זענען מיר אויף אַ הויך פון פיר ביז פינף הונדערט מעטער.

„אַלץ אָפטער האָבן זיך באַוויזן סטאַדעס פון ווײַסע בערן און פּרעכטיקע ים־הינט. אַ ביסל ווײַטער האָבן מיר שוין נישט באַמערקט קיין שום שפּור פון אַ לעבעדיק וועזן. דער פינסטערער שאָטן פון אונזער לופט־שיף איז געווען די איינציקע לעבעדיקע דערשײַנונג, וואָס האָט זיך באַוועגט אויפן אײַז. אויף דער 88־טער צפון־ברייט האָבן מיר זיך געפונען אין אַ געדיכטן נעפּל אַזוי, אַז מיר האָבן זיך גע־מוזט אויפהויבן אויף טויזנט מעטער אין דער הויך. דער נעפּל האָט געבוואַליעט אונטער אונז, ווי אַן אָקעאַן פון

וואַטע. צוויי שעה צייט זענען מיר געפֿלויגן איבער אַן אָפּגרונט פֿון אַן אומדורכדרינגלעכן נעפּל. פֿון צייט צו צייט האָבן זיך אין דעם ים פֿון נעפּלען געעפֿנט העלע שפּאַלטן, וועלכע האָבן אונז דערלויבט פֿעסטצושטעלן, אַז אונטער אונז געפֿינט זיך נישט קיין שום ערד.

„מיר האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט צום פּאָל און צו אונזער גרויסער פֿרייד האָט די זון באַזיגט דעם נעפּל, ווען מיר האָבן זיך שוין געפֿונען נאָענט פֿון צפֿון־פּאָל. אַרום איינס אַ זייגער בייטאָג, דעם 12 מאַי 1926 האָבן מיר דעם צפֿון־פּאָל געהאַט כּמעט אויף דער דלאָניע און אונזער בליק האָט זיך אויסגעשפּרייט און אַרומגענומען די אַמווייטסטן צפֿונדיקע געגנט פֿון דער ערד.

„אַדורכפֿליענדיק דעם צפֿון־פּאָל, האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז האָט אויפֿן פּאָל דיזעלבע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן, ווי דאָס אייז, וואָס מיר האָבן פֿריער אָבסערווירט. קיין שום צייכן פֿון אַ לעבעדיק וועזן. ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט דערגרייכן, האָט מען גאָרנישט מער געזען, ווי בלויז אומענדלעכע אייז־פֿעלדער, וועלכע האָבן געפֿינקלט פֿון דער צפֿונדיקער זון. אַזוי אַרום האָט די לופֿט־שיף „נאָרגע" פּרעכטיק דורכגעמאַכט די ערשטע העלפֿט פֿון איר דרייסטער און אומדערשראָקענער אונטערנעמונג. מיר זענען איצט געפֿלויגן פּאַמעלעכער און געעפֿנט איין פֿענסטער פֿון אונזער גאָנדאָלע, כּדי פֿייערלעך צו באַערן דעם מאָמענט, צו וועלכן מיר האָבן זיך געגרייט מיט אַזאַ אינערלעכן ציטער."

אַלע האָבן אויסגעטון די היטלען און געבליבן אויף אַ מינוט פֿאַרזונקען אין אַ פֿייערלעך שטילשווייגן. אַזוי ווי אויף „נאָרגע" האָבן זיך געפֿונען פֿאָרשטייער פֿון דריי

לענדער, האָט מען אויפן צפון-פאָל אַראָפּגעוואָרפן דריי פענער פון באַזונדערע מלוכות. אַמונדסען האָט אַראָפּגעוואָרפן די נאָרוועגישע פאָן, נאָבילע — די איטאַליענישע און עלסוואָרט די אַמעריקאַנישע. אַלע דריי פענער זענען געבליבן שטעקן אין שניי און האָבן פייערלעך געפלאַטערט אין דער איינזאַמער, מוראדיקער וויסטעניש.

„מיט אַ פאַרקלענערטער שנעלקייט האָט די לופט-שיף „נאָרגע", — דערציילט ווייטער אַמונדסען, — אַרומגעקרייזט דעם צפון-פאָל און דערנאָך זענען מיר ווייטער געפלויגן מיט דער גרעסטער שנעלקייט. אַלע האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. דער „נאָרגע" איז איצט געפלויגן צו דרום. ביז איצט זענען מיר אַדורכגעפלויגן איבער געגנטן, וועלכע זענען דער מענטשהייט שוין געווען באַקאַנט, איצט אָבער האָט זיך אויסגעשפרייט פאַר אונז אַ ריזיק לאַנד, וואָס איז אינגאַנצן געווען אומבאַקאַנט. אומעטום און כסדר דאָסזעלבע אייז אונטער אַ זון און וואָלקנס. דער ראַדיאָ האָט געאַרבעט ריכטיק. מיר האָבן כסדר דערהאַלטן די מעטעאָראָלאָגישע ביולעטינען און געענטפערט דער וועלט מיט פאַרשידענע ידיעות וועגן אונזער רייזע. מיר האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז די דאָזיקע דרייסטע עקספעדיציע וועט זיך ענדיקן פונקט אַזוי גליקלעך ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. ליידער איז שנעל אָנגעקומען די אַנטוישונג."

די אַנטוישונג איז געווען אַ שווערע. אַמונדסען האָט ווידער אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז זיין איצטיקע אונטערנעמונג וועט זיך ענדיקן מיט אַ פיל גרעסערן דורכפאַל, ווי פאַראַיאָרן.

דער ראַדיאָ האָט אָנגעהויבן אונטערצוהינקען און איז סוף-כל-סוף אַ-טשוויגן געוואָרן אינגאַנצן. אַ געדיכטער נעפל

האָט ווידער אַרומגערינגלט דעם באַלאָן, ווי מיט א [illegible] דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט שוואַרצע כמאַרעס און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שניי־שטורעם. דערביי האָט זיך דער באַלאָן באַדעקט מיט אַ געדיכטער שיכט אייז און האָט אָנגעהויבן אַראָפּצושווערן. די לאַגע איז געוואָרן נאָך ערגער דערמיט, וואָס מ'האָט נישט געוואוסט, וואו מען געפינט זיך. דער שטורעם, דער נעפּל און דאָס פעלן פון ראַדיאָ האָט דעזאָריענטירט די העלדישע פליער.

אָבער דער באַלאָן האָט זיך אַלץ געטראָגן אין איין ריכטונג, אַדורכרייסנדיק זיך אַ וועג דורכן שטורעם און נעפּל. און אַמונדסען דערציילט וועגן די לעצטע 24 שעה פון זיין רייזע:

„שרעקלעכע מינוטן האָבן מיר איבערגעלעבט אין די לעצטע 24 שעה פון אונזער פלי. דאָס איז געווען דער שטורעמדיקסטער אָפּשניט פון אונזער לופט־רייזע. ווי גרויס ס'איז געווען די געפאַר פונם אויסבילדן זיך פון אייז אויף אונזער באַלאָן, קאָן מען זיך איבערצייגן כאָטש בלויז דערפון, וואָס דאָס דאָזיקע אייז האָט געוואויגן עטלעכע און צוואַנציק פּוד."

און די דאָזיקע מאַסע האָט כסדר אַראָפּגעשווערט. מ'האָט כסדר געמוזט אַרויסוואַרפן פון דער גאָנדאָלע פאַרשידענע זאַכן, כדי לייכטער צו מאַכן דעם באַלאָן. יעדע פאָר מינוט האָט געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע.

ענדלעך האָבן זיי דערזען ערד און ים. „ערד, ערד!" האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגעריסן אַ געשריי פון פרייד.

דאָס איז געווען צפון־גרענלאַנד. דער באַלאָן האָט זיך געפונען איבער אַן עסקימאָסן־דערפל. ענדלעך האָבן זיי זיך גענומען אַראָפּלאָזן, אָבער דאָס אָרט איז נישט געווען אַנט־

שפּרעכנד פאַרן אַראָפּלאָזן זיך פון אַ גרויסער לופט־שיף, ווי זענען געפלויגן ווייטער. ערשט איבער דעם אָרט טעללער האָט זיך דער באַלאָן גליקלעך און אומבאַשעדיקט אַראָפּגעלאָזט.

די דרייסטע פליער האָבן ווידער דערפילט אונטער זייערע פיס ערד. „וואָס פאַר אַ הערלעך געפיל איז עס: ווי ער האָבן אונטער די פיס אַ האַרטן און פעסטן באָדן!..״ — גיט איבער אַמונדסען זיינע געפילן נאָכן אַדורכפליען אָן איבעררייס 71 שעה.

ווי אַ זיגער פון שלאַכט־פעלד האָט זיך איצט אַמונדסען אומגעקערט קיין איראָפּע. ער האָט איצט אָפּגעהאַלטן איינעם פון די גרעסטע נצחונות — און, אפשר, דעם גרעסטן נצחון אין זיין לעבן. קיינער האָט נאָך ביז אים נישט דורכגעמאַכט דעם לעגענדאַרן וועג פון שפּיצבערגען אַריבער דעם צפון־פּאָל, קיינער האָט ביז אים נישט געוואַגט דורכצומאַכן אַזאַ געפערלעכן וועג, איבער וועלכן עס האָט די גאַנצע צייט געלויערט דער ווייסער טויט.

און אַמונדסען, דער אומדערשראָקענער העלד, האָט געוואַגט און געזיגט. ער איז דער ערשטער און, — דערוויל, — דער איינציקער, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם דאָזיקן לאַנגן מוראדיקן וועג און פעסטגעשטעלט, אַז סיי אויפן צפון־פּאָל און סיי אין דער גאַנצער געגנט אַרום דעם צפון־פּאָל געפינט זיך נישט קיין ערד, נאָר בלויז אייז, אייז און ווידער אייז!

געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד!

די איטאַליענישע פּרעסע האָט געריימט איר גענעראַל נאָבילע. אים האָבן די איטאַליענישע צייטונגען צוגעשריבן

דעם דערפֿאָלג פֿון דעם פֿלי מיטן „נאָרגע" און נישט — אַמונדסענען. נאָבילע אַליין האָט זיך באַרימט, אַז נאָר אַ דאַנק אים איז געלונגען די געפֿערלעכע נסיעה און ער האָט זיך באַמיט קליין צו מאַכן אַמונדסענס גרויסע פֿאַרדינסטן.

ווען אַמונדסען האָט וועגן דער דאָזיקער באַרימעריי געלייענט אין דער צייטונג, האָט ער געשמייכלט און געשוויגן. פֿריינט האָבן אים געעצהט אָפּצוקלאַפּן נאָבילעס באַרימעריי, אָבער אַמונדסען האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון!

— זאָל נאָבילע זיין צופֿרידן פֿון זיינע באַרימערייען, — האָט אַמונדסען דערקלערט.

— אָבער ער טענהט דאָך, אַז דעם דערפֿאָלג פֿון דעם פֿלי מיט דעם „נאָרגע" האָט מען הויפּטזעכלעך אים צו פֿאַרדאַנקען און נישט אייך, פֿאַרוואָס-זשע זאָלט איר דאָס נישט אָפּלייקענען?

— צוואָס? — האָט אַמונדסען געגעבן אַ בטולדיקן מאַך מיט דער האַנט, — איך האָב נישט קיין באַרימערישע נייגונגען.

נישט געקוקט אויף נאָבילעס באַרימעריי, האָט די גאַנצע וועלט אַמונדסענען געקרוינט פֿאַר דעם זיגער. אַמונדסען איז געווען אַן אַלטער לייב פֿון דער פּאָלאַר-געגנט און די באַרימערישע פּאָזע פֿון דעם יונגן אָנפֿאַנגער נאָבילע האָט קיין שום שאָדן נישט געקאָנט ברענגען אַמונדסענס רום.

עס זענען פֿאַרביי צוויי יאָר. נאָבילע האָט אָרגאַניזירט אַ באַזונדערע עקספּעדיציע צום צפֿון-פּאָל און נישט איינגעלאַדן אַזאַ גלענצנדן קענער פֿון דער פּאָלאַר-געגנט, ווי אַמונדסען. נאָבילע האָט מורא געהאַט, אַז אַמונדסען וועט אים צונעמען די לאָרבער-קרענץ. דער איטאַליענישער גענע-

ראַל האָט געהאַלטן, אַז ער קאָן זיך באַגיין אָן דעם „נאָ־בּילעאָן פון די פּאָלן״.

אַמונדסען איז זיך געזעסן אין זיין נאָרוועגישער היים און זיך צוגעהערט מיט וואָס פאַר אַ פּאָמפּע נאָבּילע אָרגאַ־ניזירט זיין עקספּעדיציע, ווי ער וואָלט עס געמאַכט לשם רעקלאַמע.

אַמונדסען האָט געשוויגן. ער איז נישט געוואוינט גע־ווען, אַז וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס זאָלן צוגעגרייט ווערן מיט אַזאַ רעש און ביליקער רעקלאַמע.

אַלע האָבּן זיך געוואונדערט: פאַרוואָס לאַדט נאָבּילע נישט איין דעם אַלטן לייב אַמונדסען? די עקספּעדיציע וואָלט דאָך אַ סך דערביי געוואונען, ווען ס׳נעמט אין איר אָנ־טייל אַזאַ אומדערשראָקענער מענטש, ווי אַמונדסען.

אָבער נאָבּילע האָט געוואָלט די בכורה פאַר זיך. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַמונדסענס לאָרבער־קרענץ און ער איז אַוועקגעפלויגן אויף דער לופט־שיף „איטאַליאַ״ אָן אַמונד־סענען.

און אָט זיצט אַמונדסען ביי זיך אין קאַבּינעט און לייענט פאָלגנדע ידיעה אין דער צייטונג:

„די עקספּעדיציע פון גענעראַל נאָבּילע געליטן אַ שווערע קאַטאַסטראָפע. די „איטאַליאַ״ פאַרבּרענט. די מיט־גלידער פון דער עקספּעדיציע מיט נאָבּילע בראש געפינען זיך אויף אַ שווימענדיקער אייז־קריע. זיי האָבּן אַרויסגע־שיקט אַ ס.אָ.ס־רוף צו דער וועלט. פון אַ סך לענדער גרייט מען זיך קומען צו הילף די אומגליקלעכע.״

אַמונדסען רייסט זיך אויף פון אָרט: ער מוז ראַטעווען נאָבּילען! נאָבּילע האָט אים טאַקי גרינגגעשעצט, זיך באַצויגן צו אים מיט ביליקער קנאה, אָבער איצט טאָר מען אַזעלכע

קלייניקייטן נישט נעמען אין אַכט. נאָבילע און זיינע חברים זענען אין געפאַר — מוז מען זיי ראַטעווען!

און ווער נאָך ווי אַמונדסען קען אַזוי גלענצנד די געגנט, אין וועלכער עס זענען געבליבן שטעקן אויף אַ שווימענדיקער אייז-קריע די מיטגלידער פון דער נאָבילע-עקספּעדיציע? ווער נאָך קאָן אַזוי ווי ער מוטיק און אומדערשראָקן שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם ווייסן טויט? נישט אומזיסט זאָגט מען דאָך אויף אים אין נאָרוועגיען, אַז „ער קען בעסער די פּאָלאַר-געגנט, ווי די גאַסן פון אָסלאָ".

דעם 18-טן יוני 1928, 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג, האָט זיך אַמונדסען צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן פליער זשילבאָ אריינגעזעצט אין דעם אַעראָפּלאַן „לאַטאַם" און איז אָפּגעפלויגן פון טראָמזע אין דער ריכטונג פון די בערן-אינזלען, כדי צו ראַטעווען דעם, וועלכער האָט מיט אים גרינגגעשעצט.

דער דאָזיקער פלי איז ביי אים געווען אַ שפּיל. האָט ער דאָך דורכגעמאַכט פיל געפערלעכערע, פיל שרעקלעכערע נסיעות. ביים איינשטייגן אין אַעראָפּלאַן האָט ער געזאָגט צו זיינעם אַ פריינט:

— נאָבילע האָט עס געמאַכט שלעכט. איבעראַיאָר וועלן מיר ווידער פליען איבערן פּאָל. מיר וועלן עס מאַכן בעסער.

ער האָט זיך געזעגנט און דערקלערט, אַז העכסטנס אין דריי טעג אַרום וועט ער זיין צוריק מיט... נאָבילען.

עס זענען אַדורך דריי טעג און נאָך דריי טעג און אַמונדסען האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן. אַמונדסענס גורל האָט איצט מער אינטערעסירט דער וועלט, ווי נאָבילעס גורל. איז עס מעגלעך, אַז דער דאָזיקער ריז איז אומגעקומען? איז עס מעגלעך, אַז דער דאָזיקער נאַפּאָלעאָן פון

די פּאָל-געגנטן זאָל האָבן פאַרשפּילט די שלאַכט מיט דעם „וויסן שונא“; קיינער האָט זיך זאָס דאָזיקע נישט געוואָלט צוגלייבן.

עס זענען פאַרביי נאָך דריי טאָג און נאָך אַ וואָך און אַמונדסען האָט פון זיך נישט געלאָזט הערן. די גאַנצע וועלט האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויפגענומען יעדע השערה, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מצד פאַכלייט וועגן אַמונדסענס פאַרשוואונדן ווערן. אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז אַמונדסענס אַעראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער אַריין, אַ טייל ווידער האָט אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז אַמונדסען איז געווען געצוואונגען זיך אַראָפּצולאָזן צוליב אַ דעפעקט אין מאָטאָר און ער קלעטערט ערגעץ צוזאַמען מיט זיין באַגלייטער איבער אייז און שניי.

דערווייל האָט די שיף „קראַסין“ געראַטעוועט די נאָבילע-עקספּעדיציע און פון אַמונדסענען האָט מען אַלץ נישט געהערט. ער האָט נישט געגעבן וועגן זיך קיין שום צייכן. אַ ריי פראַנצויזישע, נאָרוועגישע און סאָוועטישע שיפן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף די אַרקטישע וואַסערן זוכן דעם פאַרפאַלענעם אַמונדסען. נאָך לאַנגע אַרומזוכענישן האָבן זיי זיך סוף כל סוף אומגעקערט מיט ליידיקע הענט. זיי האָבן אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן קיין שפּור פון דעם פאַרשוואונדענעם העלד.

און די גאַנצע וועלט איז איצט געשטאַנען פאַר דעם שרעקלעכן פראַגע-צייכן: לעבט אַמונדסען, אָדער נישט?

אַ טיילווייזן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט געגעבן דער קאַפּיטאַן פון דער שיף „בראָדד“, וועלכע איז דעם 30-טן אויגוסט 1928 אָנגעקומען קיין קאָניסאָ. דער קאַפּיטאַן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך איינעם פון די אַזוי-גע-

ריפּענע „שווימערס", וועלכע האָבן געהערט צום „לאָטאַם", מיט וועלכן אַמונדסען איז געפלויגן. דעם „שווימער" האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט שווימען נישט ווייט פון די לאָפאַטער אינזלען.

דאָס געפינען דעם דאָזיקן „שווימער" האָט באַשטעטיקט די השערה, אַז דער דרייסטער רעטער אַמונדסען, וועלכער איז אָפּגעפלויגן ראַטעווען נאָבילעס עקספּעדיציע, איז אומגעקומען אין די קאַלטע וואַסערן פון צפון-אָקעאַן.

ער האָט געפונען זיין קבר אין די ווייטע פּאָלאַרגעגנטן, דאָ, וואו ער גופא האָט געהערשט איבער שניי און ווינט, איבער אייז-בערג און זעכציק-גראַדיקע פרעסט. ער איז אומגעקומען, ווי אַ סאָלדאַט פון דער וויסנשאַפט—אויפן שלאַכטפעלד, צווישן ז יי נ ע אייז-בערג און שניי-מדבריות.

ווי עס זאָל נישט ווייטיקן אַמונדסענס טויט, האָט אים אָבער דער גורל באַערט מיט אַ גרויסן כבוד: ווי לעכערלעך וואָלט אויסגעזען אַמינדסענס טויט ערגעץ אין אַ שטוב, אויף אַ בעט, ווי יעדער געוויינלעכער שטערבלעכער. אַמונדסען איז געווען אַ העלד און ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט שטאַרבן, ווי מיט אַ העלדן-טויט.

איבער זיין טויטן קערפּער הויבן זיך אויף די מעכטיקע אייז-קאָלאָסן און שטייען, ווי אַן ערן-וואַך נעבן זיין שניי-קבר. די שניי-שטורעמס און ציקלאָנען-ווינטן זינגען אויס זייער מעכטיקן טרויער-מאַרש איבער דעם טויט פון ז יי ע ר נאַפּאָלעאָן, דעם נאַפּאָלעאָן פון די ענדלאָזע שניי-מדבריות און אייז פעלדער.

זיין לעבן, פונקט ווי זיין טויט, איז געווען אַ העלדן-עפּאָס.

(ס ו ף)